raków
Bibliotek[illegible]
[illegible]
[illegible] 12

היינ „Radomer-Kielcer Leben“ 12 (762) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. XVI-ער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 24 Marca 1939.
ראַדאָם, פרייטאָג ד. ניסן תרצ״ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

גאַלוואַניזיר-אַנשטאַלט און מעכאַנישע ווערקשטאַט

נעמט אָן צו שלייפען פאָלגענדע מכשירים:

1) פריזירער-מכשירים: בושיטועס, שערלעך און האָר - מאַשינקעס.
2) מעסערס, שערן, מאַשין-מעמערס און חלפים.
3) אַלערליי דענטיסטישע און כירורגישע מכשירים.

צו ניקלען טיילען פון:

ראָווערען, אויטאָבוסען און דאָקטאָרסקע מכשירים.

צו זילבערן:

לעפל, גאָפל, מעסער, לייכטערס א. ד. גל.

צו פּאָלירען:

פאַרשידענע מעטאַלן אויף הויכגלאַנץ.

סאָלידע בעהאַנדלונג!
גאַראַנטיע אויף הונדערט פּראָצענט

י. שטשערבאַצקי זשעראָמסקיעגא 21

אָבטיילונג פאַר אָסטראָוויעץ אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק און סביבה אויף זייט 7

אָבטיילונג פאַר קעלץ אויף זייט 8

א האַרציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוועסטער און שוועגערין
רבקה פריידעלמאַן
צו איהר חתונה מיט ה׳
שמעון פּאַנטשעווסקי
מיר ווינשען איהר א גליקליך צוזאַמענלעבען
אַלי׳ פריידעלמאַן, פרוי און קינדער.

Wytw. Wyrobów Cukierniczych p. t.

„Americanka“

L. Wajsbrot
Rynek 16

בעקאַנטמאַכונג

איך מאַך בעקאַנט מיין ג. קליענטעליע, אז אין מיינע פיליעס, וואָס געפינען זיך אין **רינעק 14** און **טראַוגוטאַ 62,** קען מען בעקומען עכט-פּסח׳דיקע מאַקאַראָנען, טאָרטען, בישקאָפען, לעקעך, באַקאַליעס, און אלע מינים פּסח׳דיקע געבעקצען און זיסוואַרג פון בעסטען קוואַליטעט.

ס׳איז אויך צו בעקומען יום-טובדיגע שאָקאָלאַד, פרוכטען ווי אויך יום - טוב׳דיגע ווינען פון די בעסטע סאָרטען און אויף צוגענגליכע פרייזען.

מיט אכטונג
ל. ווייסבראָט.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע פריינט
זלמן און **מאַניאַ אַבראַמאָוויטש**
צוליב דעם פריצייטיגען טויט פון זייער טעכטערל
סאַלוניאַ
א. י. שטיינאָוויטש און **פרוי**

Wyrazy szczerego współczucia
Rodzinie Blusztajn
z powodu śmierci Syna Ich
B. P. **Herszka**
składają: Wychowawca, Koledzy kl. 1-ej szkoł. Dokszt. Zaw. w Radomiu.

שטיצט די הלבשה - אַקציע פון דער תלמוד-תורה

ווייטערע רשימה פון די מנדבים

ב. הייכמאַן, 18 זל.
א. פרידמאַן 10 זל.
א. אַפּעלבוים 4 זל.
מ. פישמאַן 5 זל.
ו. קירשענבוים 25 זל.
פ. גאָלדפיין (טשעלאַדזש) 50 זל.
אדוו. פעניגשטיין 10 זל.
ל. פרידמאַן 6 העמדער

די ערשטע פערטיילונג וועט פאַרקומען דאָנערשטאָג פרשת צו, דעם 30-טען מערץ 1939

ZAWIADOMIENIE o Walnem Zgromadzeniu.

Zarząd Związku Kupców ziemi Radomskiej w Radomiu zawiadamia niniejszym swoich członków, że w dniu 26 marca 1939 r. w niedzielę, w lokalu własnym przy ul. Żeromskiego 17, o godz. 18 wiecz. względnie o godz. 19 wiecz. (bez względu na ilość obecnych) odbędzie się

Doroczne Walne Zgromadzenie Członków Związku

z następującym porządkiem dziennym:

1) Zagajenie, 2) Wybór przewodniczącego Zebrania, 3) Odczytanie protokułu ostatniego Walnego Zgromadzenia, 4) Sprawozdanie Zarządu 5) Sprawozdanie radcy Izby Przemysłowo-Handlowej w Sosnowcu 6) omawianie aktualnych spraw kupiectwa, 7) Wybór 9 członków Zarządu i 3 zastępców, Wybór 12 członków Rady Nadzorczej i 3 zastępców, 9) Wybór 3 członków Komisji Rewizyjnej i 2 zastępców, 10) Wolne wnioski i dyskusja.

Radom, dnia 8 marca 1939 r.

בעקאַנטמאַכונג

די פערוואַלטונג פון סוחרים-פעראיין אין ראַדאָם מאַכט בעקאַנט זיינע מיטגלידער, אז זונטאָג דעם 26 מערץ ה. י. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל זשעראָמסקי 17 — די

יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג
אין די שעהין 7—5 אָוועגד ביי יעדער צאהל מיטגלידער

טאָג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג, 2) וועהלען א פּאָרזיצענדען איבער דער פערזאַמלונג 3) לייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 4) א בעריכט פון דער פערוואַלטונג, 5) בעריכט פון ראַטמאַן אין דער האַנדעלס-קאַמער אין סאָסנאָוויצע, 6) ארומרעדען אַקטועלע האַנדעלס-ענינים 7) אויסוועהלען 9 מיטגלידער אין דער פערוואַלטונג און 3 פערטרעטער 8) אויסוועהלען 12 מיטגלידער אין ראַט און 3 פערטרעטער, 9) אויסוועהלען 3 מיטגלידער אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע און 2 פערטרעטער, 10) פרייע פאָרשלאַגען און דיסקוסיעס.

ראַדאָם, דעם 8 מאַרשעץ 1939 י.

פּסח-נומער פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“

מיר טיילען מיט אונזערע ג. לעזער, אַז דער **פּסח-נומער** פון **אונזער צייטונג** ערשיינט אין א גרעסערע צאָהל זייטען מיט א רייכן פערשידענאַרטיגען אינהאַלט.

צום דאָזיגען רייכען נומער וועט אויך צוגעגעבען ווערען אַן׳אומזיסטע **קינסטלעריש-אילוסטרירטע-ביילאַגע** אין וועלכער ס׳קומען אריין א רייהע בילדער פון די גרעסטע יודישע שריפטשטעלער, רעפּראָדוקציעס פון די בעסטע קונסט - בילדער, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין יובל-סאַלאָן און אויך אילוסטראַציעס פון אַרטיגע געזעלשאַפטען און פון ראַדאָמער אַלטערטימליכקייטן.

אַלע ראַדאָמער סוחרים, פאַבריקאַנטען, פירמעס, אַנשטאַלטען, וואָס וועלן זיך אַנאָנסירען אין דאָזיגען רייכן פּסח-נומער, וועלן האָבן דעם גרעסטען ערפאָלג

עגזיסטירט 112 יאָהר

FABRYKA SUKNA
KAROL JANKOWSKI i SYN
BIELSKO

אייגענע פאַבריק׳ס לאַגער אין **ראַדאָם**
Zeromskiego 33 tel. 23-50
א ריזיגער אויסוואַהל פון די מאָדערנסטע
דאַמען און **העררען - סחורות**
העכסטע קוואַליטעט צו שטרענגע פאַבריקס-פרייזען

עגזיסטירט 112 יאָהר

פון מורה הוראה
פערקיל (וואָהל 9)
זכרון לכולם יהיו!!
ותשועת נפשם מיד שונא

געדענקט יודען! און בעגייט אייך פּסח אָהן די בלאַסע מצות.

און דעסגלייכען ביים קויפען מצה מעהל זאָלט איהר אויסמיידען אַזעלכע סקלאַדעס וואו סזענען פיל מיט די פאַרדאָרבענע מצות.

און אויך זאָלט איהר זיין געוואָרענט נישט אָנצוגעבען זיך מיט קיין מכירת חמץ ביי אַזעלכע וואָס לויפען ארום מיט די פּאַפּירען.

צו פערקויפען צוויי «שטענדער»

אין דער שוהל, פאַר מענער און פרויען.

אינפאָרמאַציעס אין דער אַדמיניסט. פון „ראַדאָמער לעבען“.

וועלט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי-ווייסע פאָרהאַנגען, גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער כעמישער פאַרבעריי און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

A. Hempel

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס׳האָט זיך נים איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף סריקען — ביליגע פרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך

צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

ביליג צו וואַשען קאַפּעלושען

פאָדערט איבעראַל
נאָר די בעסטע ליכט
„מעטראָפּאָל"

800 דאָלאַר האָבען געשיקט אונזערע ראַדאָמער לאַנדסלייט פון אַמעריקאַ

אונזערע ברידער פון יענער זייט ים לאָזען פון זיך הערען. זיי זענען פון אונז אָבגעריסען, אָבער זייערע פיהלבאַרע און איידעלע הערצער זענען מיט אונז. מיר קענען מיט זיי שטאָלצירען און זיך בעריהמען. ערשט נישט לאַנג האָבען זיי געשיקט פאַר 2000 דאָלאַר אַ רענטגען־אַפּאַראַט פאַרן יודישען שפּיטאָל (ווי דער רענטגען זעהט אויס קען מען זעהן אויפן בילד, אויף דער 5־ער זייט פון אונזער צייטונג) און שוין הערט מען פון פרישע 800 דאָלאַר, וואָס זיי האָבען געשיקט אַהער אויף פסח.

די 800 דאָלאַר זענען געשיקט געוואָרען פון אַלגעמיינעם ראַדאָמער רעליעף אין ניו־יאָרק, אויפן נאָמען פון די ה"ה סט. קוראָווער און משה רובינשטיין.

גענוי אויף וועלכע צוועקען און ווי אַזוי די 800 דאָלאַר זענען פערטיילט געוואָרען, וועגען דעם וועלען מיר אויספיהרליך שרייבען אין נאָהענסטען נומער פון אונזער צייטונג.

ווי מיר הערן זענען 250 דאָלאַר בעשטימט פאַר אינסטיטוציעס.

חתן־כלה אַלט צוזאַמען 26 יאָהר

די זעלטענע חתונה, וואָס קומט היינט פאָר אין ראַדאָם

היינט קומט פאָר אין ראַדאָם אַ חתונה פון צוויי יונגע קינדער, וואָס זענען בסך הכל אַלט צוזאַמען 26 יאָהר: 14 „ער" און 12 „זי".

די מחותנים פון דאָזיגען יונגען פּאָר זענען: אלעזר שוחט און מאיר'ל שוחט. אַ סאָטע מיט אַ זוהן. ד' אלעזר שוחט האָט דעם חתן און מאיר'ל שוחט האָט די כלה.

ווייזט אויס, אַז די מחותנים ווילען זיך פיהרען אויס'ן פאַרצייטישען שטייגער, ווען מ'האָט חתונה געמאַכט יונגע קינדער, וואָס האָבען זיך נאָך געשפּילט אין זאַמד און אין שטרולקעס.

11 קרייזען און 31 ראַיאָנען

אויף אַ צווייט אָרט אין אונזער צייטונג האָבען מיר שוין מיטגעטיילט, אַז דעם 21 מאַי קומען פאָר די וואַהלען צום שטאָדט־ראָט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערט שוין פעסטגעשטעלט דער וואַהל־קאַלענדאַר, וועלכער זעהט פאָר פאָלגענדע פּראָצעדור.

די וועהלער־רשימות וועלען אַרויסגעלעגט ווערען פון 18 ביז'ן 22 קוויעציען. אין משך פון דער צייט וועלען אָנגענומען ווערען רעקלאַמאַציעס.

די קאַנדידאַטען־ליסטעס אויף ראַטמענער דאַרפען אַריינגעטראָגען ווערען ביז'ן 22 קוויעציען.

די שטאָדט ווערט איינגעטיילט אין 11 וואַהל־קרייזען און 31 וואַהל־ראַיאָנען.

די פערטיילונג פון מאַנדאַטען פאַר די וואַהל־קרייזען איז פאָלגענדע:

די צאָהל פון 3־מאַנדאַטיגע וואַהל־קרייזען וועלען זיין 4; 4־מאַנדאַטיגע — 1 וואַהל־קרייז; 5־מאַנדאַטיגע — 4; 6־מאַנדאַטיגע — 2 וואַהל־קרייזען.

דעם פּאָרזיצענדען און איין מיטגליד פון דער וואַהל־קאָמיסיע נאָמינירט דער וואָיעוואָדאַ. די איבריגע דריי מיטגלידער פון יעדער קאָמיסיע בעשטימט דער מאַגיסטראַט אויף זיין קאָלעגיאַלע פערזאַמלונג.

עס הערען זיך קלאַנגען, אַז די גאַסען: זשיטניאַ, רינעק, שפּאַציר־גאַס, זאָלען צוגעטיילט ווערען צום 6־מאַנדאַטיגען וואַהל־קרייז פון דער זאַמלינאַ, וועלכער נעמט אַרום 6000 איינוואָהנער צווישען זיי 800 יודישע.

דאָס זעלבע הערט מען אויך וועגען אַנדערע יודישע געגענדען, אַז זיי זאָלען צוגעטיילט ווערען צו נישט־יודישע ראַיאָנען. אויב דאָס זאָל זיין אמת וואָלט דערמיט פערשמעלערט געוואָרען די יודישע שאַנסען אויף צו בעקומען וואָס מעהר יודישע ראַטמענער.

אינטערנעמונגען וועלכע רעיעסטרירען זייערע פירמעס אין האַנדעל'ס־רעגיסטער ביים קרייז־געריכט.

זיינער צייט האָט די האַנדעלס־קאַמער אין סאָסנאָוויץ געפיהרט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישען סוחרים און אַ טייל אינדוסטריעלער וועגן איינפירען האַנדעלס־ביכער.

גלייכצייטיג האָט די האַנדעלס־קאַמער צעשיקט אינדיווידועלע אויפפאָדערונגען צו סוחרים דאָס זיי זאָלען רעיעסטרירען זייערע פירמעס, דראָענדיג אין געגענפאַל מים איבערווייזען דעם ענין אין געריכט.

מיר האָבען דעמאָלס אויפגעוויזען די צוועקמעסיקייט פון פירען האַנדעלס־ביכער, אָבער גלייכצייטיג האָבען מיר פערשטאַנען די שוועריקייטען פון קלענערע פירמעס און דאָביי בעמערקט דאָס די יעניגע וועלכע זענען נישט אימשטאַנד צו פירען קיין ביכער זאָלען זיך ווענדען מיט אַ ביטע צום קרייז־געריכט (אָפּט. האַנדעלס־רעגיסטער), אַז זייער אונטערנעמונג איז געפיהרט מיט אַ קליינעם מאַסשטאַב און מען זאָל זיי בעפרייען פון רעיעסטרירען.

ווי מיר דערוויסען זיך האָבען פיעל פירמעס די לעצטע וואָך באַקומען אויפפאָדערונגען אונטער אַנ'התראה פון הארבע שטראָף, דאָס זיי זאָלען פאַררעיעסטרירען זייערע פירמעס.

מיר געפינען דעריבער פאַר נויטיג צו באַקענען די פאַראינטערעסירטע סוחרים מיטן האַנדעלס־קאָדעקס, לויט וועלכען עס פאַלען ארונטער דער רעגיסטראַציע אונטערנעמונגען. פון אַ גרעסערען מאַסשטאַב.

אַלס אזעלכע ווערען אַנערקענט פאָלגענדע אינטערנעמונגען:

א) פאַרדינסט־אונטערנעמונגען וועלכע געהערען צו 1־טע קאַט.

ב. אונטערנעמונגען וועלכע געהערט צו 3־טע קאַט. פאַר דעטאַל און קאָמיסגעשעפטען, עקספּעדיציעס און האַנדעל פאַרמיטלונג, מיטן אויסנאַם פון די, וועלכע דאָס געריכט וועט אַנערקענען אַלס געפירט אין קליינעם מאַסשטאַב:

ג) אינדוסטריע־אינטערנעמונגען פון ז־טע ביז 4־טע קאַט.

ד) אינדוסטריע־אינטערנעמונגען פון 4־טע ביז 7־טע קאַט. אויב די פירמע פירט אַ פערקויף־שטעלע פון אייגענע אויסאַרבייטונג מיט אַ פאַטענט פון I און II קאַט.

ה) אַלע אינטערנעמונגען וועמענ'ס אומזאַץ שטייגט איבער 100.000 זל. יעהרליך.

ו) באַנק אונטערנעמונגען, אויסער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווען.

רעכט צו געבען אַ „אָפּיניע", וועגען אַ פירמע וואָס ווערט געפירט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב האָט די האַנדעלס קאַמער, אָדער די שטייער־קאַמער.

ב. בערמאַן.

70 ער, 50 יענער!..

טשעמבערלען און היטלער, די צוויי פּאָליטישע גדולים, וואָס פיהרען די וועלט ביי דער נאָז, פייערען איצט זייערע געבורטסטאָגען.

טשעמבערלען ווערט אַ בן־שבעים, און היטלער אַ בן־חמישים.

און וואָס דער פרק זאָגט ווייסט איהר דאָך. דער פרק זאָגט: „בן־חמישים לעצה" און „בן־שבעים לשיבה".

שטיי איך איצט און קלער: ווער האָט דאָ אַ טעות: דער פרק, צי זייערע מעטריקעס. וואָרום לויט'ן פרק, וואָלט איצט טשעמבערלען געדאַרפט זיין אַ הונדערטער, און היטלער ערשט צוואַנציג.

פאַרוואָס?

גאָר פשוט: ווייל „בן מאה עבר־ובטל" און בן עשרים לרדוף" ד. ה. צו הונדערט יאָהר ווערט מען עבר ובטל און צו צוואַנציג יאָהר נעמט מען לויפען.

און ווי מיר זעהען, דער פליה קיין בערכטסגאַדען, דער מינכענער אָפּמאַך, און אַנדערע חכמה'דיגע געגנג, דאָס אַלץ בעווייזט, אַז דער פּאַראַסאָל־פּאָליטיקער דאַרף לויט'ן פרק זיין אַ בן־מאה.

און וואָס שייך היטלער'ן דאַרף ער לויט'ן פרק זיין אַ בן־עשרים, ווייל „בן עשרים לרדוף", און ער האָט טאַקע איצט בעקומען דאָס לויפעניש: ער לויפט קיין ווין, צום סודעטען־געביט, קיין פּראַג, קיין בראַטיסלאַוו, און ווער ווייסט וואו ער וועט ווייטער לויפען!...

ווי עס זאָל נישט זיין, האָבען מיר איצט צוויי געבורטסטאָגען. צוויי גדולים וואָס פיהרען די וועלט ביי דער נאָז. איינער ווערט 70 און דער צווייטער 50 און אַזוי ווי עס איז אָנגענומען צו שיקען די יובילאַרען גראַטולאַציעס, טהוען מיר אויך אַזוי, און מיר שיקען ביידע יובילאַרען גראַטולאַציעס.

צום פּאַראַסאָל־יובילאַר!

מיר ווינשען אייך אַ גוטע זקנה, זאָל דער שירם אייך באַשירעמען פון מינכען און בערכטסגאַדען, באַשירעמט זאָלט איהר ווערען, איהר זאָלט זיין דער „מלאך השלום". באַשירעמט זאָלט איהר ווערען פון הלוואות פאַר טשעכיען (אפילו אויף ראַטעס) און דערנאָך זאָל מען אייך נישט דאַרפען זאָגען „גאָדאַי דאָ דאַשקאָ"...

— מיר ווינשען אייך אַ גוטע זקנה — אין מושב זקנים.

און וואָס זאָלען מיר ווינשען דעם צווייטען יובילאַר, דעם 50־ער?

דעם 50־ער ווינשען מיר, אַז אונזער וואונש זאָל וואָס גיכער מקיום ווערען.

אָב — נעק

Jesienią, zimą, wiosną czy latem, pij zawsze
Z DZWONKIEM HERBATĘ!

שטענדיג און איבעראַל!
יום־טוב איבערהויפּט!
נוצן מיר נאָר ווין
כּרמל
פון באַראָן ראָטשילד'ס ווין־קעלערן
כּרמל שטאַמט פון אונזער נאַציאָנאַלער היים און ווערט דורך יודישע הענט געפלאַנצט
כּרמל פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין ארץ־ישראל־עקספּאָרט. איינס פון די שטיצפּונקטען פון ווידערשטאַנד אין לאַנד
כּרמל טרינקענדיג, ברענגען מיר אַריין אין ארץ־ישראל די מיטלען פאַרשטאַרקען דעם אויפבוי אין לאַנד.
היט אייך פאַר פאַלסיפיקאַטען

שטרייק פון בעקלייד־פאַך

מיטוואָך דעם 22־טען איז אויסגעבראָכען אַ שטרייק פון בעקלייד־פאַך. דער שטרייק נעמט אַרום קנאַפּע 300 שניידער־אַרבייטער אין 85 וואַרשטאַטען.

חוץ אַ רייה אַנדערע פאָדערונגען, פאָדערען די שטרייקענדע אַ לויהן־הוספה פון 13 ביז 45 פּראָצענט.

BROWAR PAROWY
J. SASKI
w RADOMIU
poleca piwo
„EL."

אויסאַרבייטונגען
פון היגיענ'ישע מאַטראַצען און אויטאָמאַטישע טאַפּטשאַנעס אין דער פירמע
„היגיענאַ" ראַדאָם וואַהל 5 (Bernardynska)
עס ווערען אויך אָנגענומען צו דער אַרבייט אייזערנע בעטלעך. ווי מ'קאָן אַריינפאַסען אונזערע שאַטקעס
אויף זעהר ביליגע פּרייזען!
מיר בעטען אַלע קליענטען פון רינעק 6 ווענדען זיך אויף דעם נייעם אַדרעס.

מיינע מצות דאַרפען שוין נישט קיין רעקלאַמע.
זיי זענען די זעלבע ווי פאַר יאָהרען
מען קאָן ביי מיר בעקומען מאַשינען מצות און אויך אויף דעם פערלאַנג קען מען בעקומען האַנד אויסאַרבייטונג מצות.
אין יעדן מיינעם געשעפט בעקומט מען די גוט בעקאַנטע מאַקאַראָנען און לעקעכער כשר לחג הפסח אונטער אַ שטרענגען הכשר פון הרב הגאון זלאַטניק
אהרן קאַלינסקי
ראַדאָם, נאָוואָגראָדסקאַ 8
אָבטיילונגען: זשעראָמסקיעגאָ (לובלינער) 11, טראַוגוטטאַ 45 און קילינסקיעגאָ 1

Lustra
Szkła szlifowane
nietłukące
poleca
„Szyboszlif" sp. z.o.o.
Radom, Żeromskiego № 20
Tel. 23 - 20

הונדערטער דורכגעהער קוקען אויפן בילד פון מאַרשאַל פילסודסקי

דעם פערגאַנגענעם שבת אי'ן זונטאָג — אין די נאָמענס־טעג־פייערונגען פון מאַרשאַל רידז שמיגלי און פערשטאָרבענעם מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי — איז אינ'ם שוי־פענסטער פונ'ם ה' אורבינדער, זשעראָמסקי 12, אַרויסגעהאַנגען געוואָרען אַ בילד פון מאַרשאַל פילסודסקי, וואָס האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון הונדערטער דורכגעהער.

דאָס דאָזיגע בילד איז געמאַכט פון סחורה און שפּילקעס און איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן ה' אורבינדער'ס יונגסטען זוהן יצחק.

פון קינאָ אַפּאָללאָ

אין קינאָ „אַפּאָללאָ" ווערט היינט געוויזען צוויי פּרעכטיגע בילדער.

אין ערשטען פילם, וועלכער הייסט „די רעכט פון דאָקטאָר לינדסיי" בעטייליגט זיך דער בעקאַנטער אַרטיסט עדוואַרד ג. ראָבינסאָן.

דער פילם איז סענסאַציאָנעל מיט הומאָר און עמאָציע אינאיינעם.

דער צווייטער פילם הייסט „דער האָטעל אין טיראָל" לויט די דערציילונג פון קעסטנערן. עס בעטייליגען זיך אין פילם, די בעסטע אַרטיסטען ראָבערט יונג, פלאָרענצע ריצע, פראַנק מאָרגאַן

בכלל איז ווערט צו גיין זעהן די צוויי פילמען, וועלכע מאַכן אַ זעהר גוטען איינדרוק אויפן צושויער.

פוןביידע מאָהל וואַהלען איז געבוירען געוואָרן אַ נייער פּראָוויזאָריום

ה' יונה זילבערבערג בעשטימט אַלס נאָמינירטער פּרעזעס — „עוואַקואַציע" אין דער גמינע — שמועות און ווערסיעס

אַלע וועלט-געשעהענישען פון די לעצטע טעג זענען ביי אונז אין ראַדאָם אָוועקגערוקט געוואָרען אין אַ זייט. דאָס יודישע ראַדאָם האָט היינט אַן אייגענע סענסאַציע: די גמינע.

וואָס איז געשעהן?

אונזערע לעזער ווייסען שוין פון דער ידיעה, וואָס מיר האָבען געבראַכט פאַראַכטאָגען פרייטאָג, אַז דער פּרעזעס פון דער גמינע ה' דען האָט זיך אָנגעגעבען אין דעמיסיע. ער האָט אַריינגעטראָגען אין דער סטאַראָסטוואָ אַ רעזיגנאַציע, אַז ער זאָגט זיך אָב, נישט בלויז פון זיין אַמט אַלס פּרעזעס, נאָר ער ענטזאָגט זיך בכלל פון צו זיין טעטיג אויף ווייטער אין דער גמינע-פערוואַלטונג. מיט איין וואָרט, ער געהט אַוועק און לאָזט איבער די גמינע פאַר אַנדערע.

וועגען די סיבות פון ה' דען'ס דעמיסיע וועלען מיר אַצינד נישט רעדען. דאָס וועלען מיר טוהן אויספיהרליך אַ צווייט מאָהל. מיר ווילען יעצט בלויז איבערגעבען די פאָלגען, וואָס זענען געקומען אַלס רעזולטאַט פון אָט דער דעמיסיע און אויך די אַלע שמועות און ווערסיעס וואָס קורסירען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ניי-געשאַפענער לאַגע אַרום דער קהלה.

ה' דען'ס רעזיגנאַציע איז געקומען אַלס געשעהענער פאַקט יענער וואָך דאָנערשטאָג. צומאָרגענס באַלד נאָכדעם ווי די ידיעה האָט זיך בעוויזען אין אונזער צייטונג, האָט מען געהערט אין שטאָדט, אַז אין זעלבען טאָג האָט דער ה' סטאַראָסטאַ געשיקט נאָכן ה' יונה זילבערבערג און אים געמאַכט אַ פּראָפּאָזיציע, ער זאָל איבערנעמען די גמינע. ה' זילבערבערג האָט געבעטען צו געבען איהם צייט ביז מאָנטאָג ער זאָל זיך מישב זיין.

דורך דער צייט האָט ה' זילבערבערג זיך געוואָקעלט: יאָ אָננעמען, אָדער נישט אָננעמען דעם נייעם מאַנדאַט. אַליין איז ער אַ געוועהלטער פּרנס, שוין פיעל מאָהל פיגורירט אַלס קאַנדידאַט אויסגעוועהלט צו ווערען אַלס פּרעזעס פון דער גמינע-פערוואַלטונג און דאָ איז אים אומגעריכט אונטערגעקומען אַ פאָרשלאָג צו געהן אין דער גמינע אַלס נאָמינירטער פּרעזעס, כמו אַ קאָמיסאַר.

דאָס איז פאַר איהם געווען אַ קאָמפּליצירטע פראַגע צו ענטשיידען באַלד אויפן אָרט; האָט דאָך די אָפּאָזיציע געגען דער היינטיגער גמינע, אין וועלכע ער שטעהט אין דער שפּיץ, די גאַנצע צייט געקעמפט געגען דעם סיסטעם פון אַ קאָמיסאַר און נאָמינאַטען אין דער יודישער גמינע און דאָ קומט אים אויס אַליין צו שפּילען די ראָל פון אַזעלכען;

ה' זילבערבערג האָט זיך טאַקע געשלאָגען מיט דער דעה וואָס צו טוהן, אָבער ענדלעך האָט ער זיך ענטשלאָסען אויף אַ געוואָגטען שריט און געקומען מאָנטאָג אין דער סטאַראָסטוואָ מיט אַ תשובה, אַז ער נעמט אָן דעם נייעם מאַנדאַט אַלס נאָמינירטער פּרעזעס. ער האָט ערקלערט דעם ה' סטאַראָסטאַ — אַזוי הערט מען אין שטאָדט — אַז ער טוט דאָס דערפאַר, ווייל די יודישע בעפעלקערונג פערלאַנגט דאָס פון איהם, כדי צו סאַנירען די ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען פון דער גמינע, און טראָץ דעם וויל ער אויך אַנטקעגנקומען דעם פערלאַנג פון דער מאַכט.

לויט די זעלבע שמועות, האָט דער ה' סטאַראָסטע אויפגענומען די ערקלערונג מיט צופרידענהייט און געווינשען זילבערבערג'ן ערפאָלג אויף זיין נייעם אַמט.

אין די רייהען פון דער אָפּאָזיציע געהען אַרום פערשידענע ווערסיעס פאַרוואָס ס'האָט זיך געשאַפען אַזאַ לאַגע, אַז גראַד דער, וועמענס קאַנדידאַטור ס'איז ביידע מאָהל דורכגעפאַלען ביי דער וואָהל פון אַ פּרעזעס, זאָל פּלוצלינג אַזוי נתעלה ווערען, אַז איבערן קאָפּ פון דעם געוועהלטען פערוואַלטונגס-פּרעזעס שטיינאָוויטש, זאָל ער בעשטימט ווערען אַלס קאָמיסאַר. לויט איין ווערסיע זאָל ה' יונה זילבערבערג, וועלכע איז איינער פון די שאַרפסטע געגנער פון רב קעסטענבערג, האָבען געקומען צו אַזאַ זיעג דערפאַר, וואָס דער לעצטער זאָל האָבען געשטימט דאָס צווייטע מאָהל בעת די וואַהלען, פון אַ פּרעזעס אין דער פערוואַלטונג, אויפן סאָציאַליסטישען דאָזאָר שטיינאָוויטש.

פאַרהאַן נאָך אַ ווערסיע, אַז ה' זילבערבערג זאָל האָבען בעקומען אַ צוזאָג, אַז דער ה' סטאַראָסטאַ וועט איהם מיטהעלפען בעקומען אַן הלוואה פון 15 טויזענד זלאָטעס, כדי ער זאָל קענען לינדערען דעם שווערען פינאַנץ-קריזיס אין גמינע.

צווישען די גמינע-בעאַמטע האָט די נייע פּערסאָנאַלע ענדערונג אויפן אַמט פון אַ גמינע-פּרעזעס אַרויסגערופען אַ גרויסע קאָנסטערנאַציע. די בעאַמטע שרעקען זיך, אַז די נייע לאַגע וועט גורם זיין דערצו, אַז זיי זאָלען געקינדיגט ווערען פון די פּאָסטענס.

אַ גאַנצע וואָך הערשט אין דער גמינע אַ שטימונג פון „עוואַקואַציע". די גמינע-אָנגעשטעלטע און סתם בעלי-חובות נעמען אַרויס קוויטלעך צו די שטאַט-צאָהלערס שוין אויפן יאָהר 1939 זיי ווילען דערמיט אָבראַטעווען כאָטש אַ טייל פון זייערע פּענסיעס און חובות נאָך איידער ה' זילבערבערג קומט אַרויף און נעמט איבער דעם רודער.

היינט פרייטאָג זאָל פאָרקומען דער אָפיציעלער אַקט פון איבערנעמען דורך ה' זילבערבערגען די גמינע-לייטונג.

מיט זילבערבערגען זאָלען מיטאַרבייטען אין נייעם פּראָוויזאָריום די געוועהלטע דאָזורעס: שמואל צוקער, יאָסל גראַדאָווטשיק, משה רובינשטיין און איטשעלע זילבערשטרום. דאָס איז דאָס פינפטעל, וואָס בילדעט אין פּראַקציע פון: מזרחי, ציוניסטען. האַנדווערקער (וויטאָלדא 10) און „חלוץ בעלי-מלאכה".

וואָס שייך דער פּערזאָהן פון ה' צוקער איז נאָך נישט קלאָר, ווייל, ווי מען הערט, זאָל איהם די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע (זשעראָמסקי 25) נישט ערלויבען צו געהן אין אַ נאָמינירטע גמינע. איבריגענס דאַרף די אָרגאַניזאַציע נאָך וועגען דעם בעשליסען.

טויזענדער זאָרגען האָט די בעל־הבית'טע

די יודישע בעל-הבית'טע מוז שטענדיג ביים צוגרייטען מאכלים געדענקען וועגען די כשרות-פארשריפטען. דעריבער איז פאר איהר א גרויסע ערלייכטערונג דאס בענוצען 100% ריין שפּייזפעטס **צערעס**, וועלכעס מען מעג בענוצען סיי צו מילכיגע, סיי צו פליישיגע מאכלים, דערביי איז **צערעס** לייכט צום פערדייען, שפאר און נאהרהאפטיג.

פון פערפיינערטע אידעלע אינ־יִדישע איילען

אינטענסיווע טעטיגקייט פון דער הילפס-קאַסע.

אויף די לעצטע צוויי זיצונגען פון דער הילפּ'ס-קאַסע פון ראַדאָמער רעליעף אין אַמעריקאַ, האָבען די אָנוועזענדע דעקלאַרירט 700 זל. אין דער פאָרם פון אַן הלוואה, וואָס זאָל זיי צוריקגעקעהרט ווערען אין משך פון אַ מאָנאַט.

די דעקלאַראַנטען האָבען דאָס געטוהן פון זייער גוטען ווילען, נעמענדיק אין אכט, וואָס די קאַסע האָט געמוזט אַרויסגעבען איבער 20 הלוואות פאַר נויטבעדערפטיגע מענשען אויף יום-טוב.

די אָנוועזענדע אויף די זיצונגען בעשטעהען פון די ה"ה: בושאַצקי, דירעקטאָר משה ראָטענבערג, ב. ליפּשיץ, ד"ר וויטאָנסקי, משה רובינשטיין, שניידער, מאָטל אַפּאָטאָווסקי, קאָפּלאַן.

דורך די דערמאָנטע ה"ה איז אויך ווערבירט געוואָרען הונדערט מיטגלידער פאַר דער קאַסע.

די פערוואַלטונג פון דער הילפּס-קאַסע האָט אַ ווינש צו די ה"ה סס. קוראָווער און משה רובינשטיין, אַז פון די 800 דאָלאַר, וואָס זיי האָבען דערהאַלטען פון די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ אויף פּסח, זאָל אַ געוויסע סומע געגעבען ווערען אויף דער קאַסע וועלכע איז אויך געשאַפען געוואָרען פון די זעלבע לאַנדסלייט אונזערע.

די הילפּ'ס-קאַסע, צוליב איהר וויכטיגער טעטיגקייט, פערדינט געשטיצט צו ווערען פון דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג.

איינברוך דורך אונטערגראָבונג אין ק. ק. א.

אין דער נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג האָבען אומבעקאַנטע גנבים געוואָלט זיך אַריינבעקומען אין לאָקאַל פון דער קאָמונאַלער שפּאָרזאַמקייט'ס-קאַסע (ק. ק. אָ.) אויף ראָג פּלאַץ 3-טער מאַי און פּילסודסקי.

די גנבים האָבען זיך אונטערגעגראָבען אין אַ קעלער פון יענעם הויף, וואו עס געפונט זיך די ק. ק. אָ און פון דאָרט דורך אַן אונטערערדישען וועג געוואָלט זיך אַריינבעקומען אין דער קאַסע. זיי האָבען אָוועקגעלעגט אַ שפּאָר שטיקעל אַרבייט, וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פאַר אומזיסט, מחמת אין דער דאָזיגער קרעדיט-אינסטיטוציע דיזשורירען אַ גאַנצען מעת-לעת וואַזשנים, וועלכע האָבען דערהערט און פערטריבען די גנבים.

פילם-אַטעליער הינטער ראַדאָם.

היינטיגע וואָך האָט זיך אין אַן אָנגעזעהענע צייטונג בעוויזען אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה, אַז אַ גרופּע קאַפּיטאַליסטען זענען גרייט צו גרינדען אַ ריזיגע פילם-אַטעליע הינטער ראַדאָם.

די דאָזיגע גרופּע איז גרייט צוצוטרעטען מיט אַ קאַפּיטאַל פון 5 מיליאָן זלאָטעס.

אויב אַזאַ אַטעליע זאָל פאַקטיש אויפגעבויט ווערען, וואָלט דאָס געהאַט אַ קאָלאָסאַלע בעדייטונג פאַר די שטאָט ראַדאָם.

איך, און גאַנדי!...

פון י. אַבערזשאַנעק

ווי איהר זעהט, בין איך נישט קיין מפּיל-קינד. אַז איך האַלט נישט פון קיין תעניתים, דאָס קאָנט איהר זעהן פון מיין „אָסאָבע" און פון מיין וואָג איך דאַרפט איהר וויסען וועג 95 קילאָ מיט 20 דעקאָ נעטאָ וואָג. ד. ה. אָהן שקאַרפּעטקעס און אָהן די פּראָטעסטען און נאַקאַז-פּלאַטניטשעס.

איהר זעהט פּלייצעס? איהר זעהט אַ בריסט-קאַסטען? איהר זעהט אַ קאַרק, אַ גוידער און אַ פּאָר ידים? דאָס קומט נישט פון קיין תעניתים. דאָס אַלץ וואָס איהר זעהט, קומט פון אַ „ביס".

הערט וואָס איך דערלאַנג איהם, מיין מאָגען, צו אַ שבתדיגען מיטאָג:

אויף פאָרשפּייז גיב איך דעם מאָגען אַ דערלאַנג אַ שעכטעלע סערדינקעס מיט אַ שנעפּסל פאַר און אַ שנעפּסעלע נאָך. דערנאָך שיק איך איהם אַריין אַ „קעפּעל" פון אַ דריי קילאָדיגען קאַרפּעל, אַ שנעפּסעל פריהער און אַ שנעפּסעל נאָך. נאָך דעם בין איך אים מכבד מיט אַ טעלער ברוינע טשאָלענט-קאַרטאָפעל ווי די קאַרשען. און איידער די קאַרטאָפעל „דאַנושען" זיך אומציקוקען וואו זיי זענען, קומט נאָך אַ לאָקשענער קוגעל וואָס ווערט נעבעך מיט שמאַלצענע טרעהרען. צו דעם גייט צו אַ שנעפּסעל פאַר'ן טשאָלענט און אַ שנעפּסעל נאָכ'ן טשאָלענט. נאָך דעם דערלאַנגט מיר מיין יודענע אַן „אַרבע כנפות'ל", אַ גענעזל מיט אַלע „פיער" עקען. טייל איך עס אין צווייען. איין העלפט ברענג איך באַלד צו סבר ישראל. און דאָס צווייטע האַלבע בעהאַלט איך אויפ'ן נאָכ'ן שלאָף. אַז איך שטיי אויף פון שלאָף, בין איך מיך מרחם אויף דער צווייטער האַלבער גאַנז.

אָבער אויף אַלעם קומט אַ צייט. און אויף מיין מאָגען איז געקומען אַ צייט. ס'איז געקומען אַ צייט וואָס איך נעם מיין מאָגען אָפּגעוואוינען פון עסען.

ווער ס'האָט מיך איבערצייגט אין דעם אַז עסען איז נישט מעהר ווי אַ געוואוינהייט? גאַנדי!.. ער, גאַנדי, האָט מיך איבערצייגט, אַז מ'קאָן לעבען און נישט עסען.

און וואָס נאָך האָט גאַנדי מיך איבערצייגט? ער האָט מיך איבערצייגט, אַז פאַסטען איז אַ וויכטיגע זאַך. אַז פאַר פאַסטען ציטערען די גרעסטע וועלט-פּאָליטיקער, זיי האָבען מעהר מורא פאַר אַ תענית, ווי פאַר באָמבעס, האַרמאַטען און אַנדערע משחיתים. אַ סימן האָט איהר דאָך די גרויסע די מעכטיגע בריטישע אימפּעריע, וואָס פיהרט די גאַנצע וועלט פאַר דער נאָז, אָט דער מעכטיגער בריטישער לייב, דערוויסענדיג זיך, אַז גאַנדי הונגערט, האָט אַ ציטער-געטהון. עס זענען געפלויגען טעלעגראַמען:

— וואָס הערט זיך מיט גאַנדי'ן?

— ווי פיהלט זיך גאַנדי?

— גאַנדי עסט שוין?

— פּרובט ווירקען ער זאָל איבעררייסען דעם תענית!..

— אונטערהאַנדעלט מיט גאַנדי'ן, אפשר וועט ער פאָרט עפּעס טועם זיין!..

— ווי האַלט גאַנדי'ס פּולס?

— דראָהט איהם חלילה נישט קיין קאַטאַסטראָפע?

אַזוי זענען געפלויגען טעלעגראַמעס פון ענגלאַנד קיין אינדיען, פון אינדיען קיין ענגלאַנד. ס'זענען געלאָפען שטאַפעטען פון ענגלאַנד קיין אינדיען, פון אינדיען קיין ענגלאַנד. אין ענגלאַנד האָט זיך געטהון חושך. טשעמבערליין אַליין האָט שוין געהאַט איינגעשפּאַנט דעם אַעראָפּלאַן. און גרייט געווען צו פליהען פּערזענליך אונטערהאַנדלען מיט דעם פאַסטער. און וואָס איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען אַז אויסגעפיהרט האָט גאַנדי. מ'האָט איהם נאָכגעגעבען אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. נישט קוילענוואָרפער'ס — הונגער!.. פאַסטען!.. אָטאָ דאָס איז גאַנדי'ס שטאַרקסטער געווער, אפילו דער מעכטיגער בריטישער לייב ציטערט און קאַפּיטולירט פאַר גאַנדי'ס הונגער...

נו, בין איך טאַקע געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עסען איז נישט מעהר, ווי אַ געוואוינהייט. און וויבאַלד עסען איז נאָר אַ געוואוינהייט, קאָן מען זיך דערפון אָפּגעוואוינען. און טאָמער וועט זיך די מענשהייט אָפּגעוואוינען פון עסען וועט עס זיין אַ ישועה פאַר דער וועלט. וועט זיין שלום ושלוה, וועט נישט זיין קיין קנאה-שנאה. אַז מ'וועט נישט עסען וועט מען נישט דאַרפען אַקערען און זייהען. וועט מען זיך נישט יאָגען נאָך ערד, און אַז מ'וועט זיך נישט יאָגען נאָך ערד, וועט נישט זיין קיין מלחמות, און אַז ס'וועלען נישט זיין קיין מלחמות, וועט זיך אָפּשטעלען דער געיעג אויף בעוואָפענונג, וועט איין מלוכה נישט וועלען איבערשטייגען די אַנדערע מלוכה מיט די נייעסטע, מאָדערנסטע טויט-מכשירים. וועט זיין שלום אויף דער וועלט. און אַז ס'וועט זיין שלום אויף דער וועלט וועלען די ניי - געבאַקענע פאַשיסטישע הערשער בלייבען אָהן אַ שטאַך אַרבייט — דאָס אַלץ וועט זיין, אַז מ'וועט נישט דאַרפען עסען!..

איצט, וואָס נאָך וועט זיין. אַז מ'וועט זיך אָפּגעוואוינען פון עסען? אַז מען וועט זיך אָפּגעוואוינען פון עסען, וועלען די מאָגענס בלייבען אַרבייטסלאָז, און אַז די מאָגענס וועלען בלייבען אַרבייטסלאָז, וועלען אויך די דאָקטוירים בלייבען אַרבייטסלאָז. וועט מען נישט שיקען יודישע קינדער שטודירען אין די אוניווערזיטעטען, וועלען זיי פערשפּאָרען אהיים צו קומען מיט אָפּענע קעפּ, און וועלען נישט דאַרפען זיצען אויף בעזונדערע בענק.

און נאָך וואָס וועט זיין? אַז ס'וועלען קיין דאָקטוירים נישט זיין, וועלען די יונגע מענזשאָטקעלעך נישט האָבען קיין תירוץ, זיך צו לאָזען „זבאַדען" פון אַ יונגען מאַראָווען דאָקטאָר, און אַז אונזערע מענזשאָטקעלעך וועלען זיך נישט זבאַדען פון יונגע מאַראָווע דאָקטוירים, וועט נישט זיין ווער עס זאָל זיי הייסען פאָהרען „דאָ קריניצי", „דאָ זאַקאָפּאַנעגאָ". און אַז אונזערע ווייבעלעך וועלען נישט פאָהרען קיין קריניצע און זאַקאָפּאַנע, וועט דאָס זיין אַ ישועה אָן אויפּראַכטעניש פאַר אונז מענער. וועלען מיר נישט דאַרפען אויסשטעלען קיין וועקסעלעך אויף „סטראַיעס". וועלען די ווייבעלעך כאַליען צוזאַמען מיט אונז אין דער היים און עס וועט אונז זיין גוט און וואויל.

וואָס נאָך וועט זיין אַז מ'וועט נישט דאַרפען עסען? אַז מען וועט נישט דאַרפען עסען, וועט קיין יודען-פראַגע נישט זיין, וועט מען נישט רעדען וועגען עמיגראַציע, וועט מען נישט זוכען פאַר יודען קיין לענדער אויף דער לבנה. און אַז מען וועט נישט דאַרפען זוכען קיין לענדער פאַר יודען. וועלען אונזערע „גוטע פריינד" נישט האָבען וואָס

(סוף זייט 7)

מאיר הערץ

חיה רויזעל פאָהרט קיין מאָגעלניצע מיט אַ זאַק גאָלד.

פון דער סעריע «די פּוילישע פּאָוסטאַניע»

VII

מענדעל איז געוואָרען אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט צומאָל נישט געהערט וואָס חיה רויזעל רעדט צו איהם. ער איז צוגעלאָפען צו די בעטען, פינאַנדערגעוואָרפען די קישען'ס מיט די איבערבעטען, אַפּויערגעשלעפּט מיט'ן גאַנצען כח די שענקעס און אויסגעשיט אויף דער ערד דאָס שטרוי, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט אָהן אַ שיער גאָלד-שטיקלעך און בריליאַנטען. עס האָט זיך דאַן בעוויזען אין דעם אָרימען שטיבעל דער אמת'ער אוצר, איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע האָבען זיך געוואַלגערט שטיקער גאָלד און מ'איז געטרעטען אויף זיי. מענדעל איז געוואָרען נאָך ווילדער ער האָט זיך געריסען די האָר פון קאָפּ און זיך צערעוועט ווי אַ לייב:

— גרויסער גאָט, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר, וואָס האָסטו מיך געשטראָפט מיט אַזאַ אויסטערליש עשירות? איך וועל עס דאָך נישט אויסהאַלטען. כ'פיהל בפירוש, ווי פון פרייד און איבעררשונג פּלאַצט מיר דאָס האַרץ. ווער האָט דאָס געבריכט, נאָך וואָס, נאָך ווען! בעסער וואָלט געווען, ווען כ'בלייב דער זעלבער קבצן, ווי פריהער! ס'איז דאָך מיר דעמאָלט געווען וואויל! כ'בין געווען געזונד ווי אַ ריעז און גליקליך מיט מיינע בעשיידענע פּערדינסטען. כ'בין געווען אַ יוד, אַ מענש. כ'האָב געדאַנקט און געלויבט גאָט, פאַר יעדע זאַך. כ'האָב געזאָגט אויף אַלץ גם זו לטובה. איצטער האָט זיך מיר דער קאָפּ פּערדרעהט. כ'זעה נישט מעהר קיין גאָט אין הימעל, כ'פיהל נישט מעהר זיין גרויסקייט. כ'בין געוואָרען אַזוי אויסגעהוילט און טרוקען, אַז צומאָלט קיין דאַנק גיב איך נישט דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט מיך צו-פיעל בעגליקט. עפּעס פיהל איך, ווי גאָט האָט זיך אָבגעטהון פון מיין שטוב און שדים וואָלטען זיך דאָ בעזעצט. יאָ, חיה רויזעל, ס'איז די אַרבייט פון די שדים, פון די נישט-גוטע. זיי האָבען דאָס מיר אויפגעשפּילט די גאָלדענע חתונה; די חתונה מיט די גאָלדענע אימפּעריאַלען, מיט די בריליאַנטען, מיט די פּערל. דער פּאָלקאָווניק, איז קיין פּאָלקאָווניק נישט, דער קאַסטען גאָלד, איז קיין גאָלד נישט. — אַשמדאי דער קעניג פון די שדים האָט זיך דאָ פּערשטעלט פאַר אַ רוסישען פּאָלקאָווניק און די רויט-גאָלדענע אימפּעריאַלען, זענען איבערגעבּרענטע נשמות פון רשעים אין גיהנום. ניין, חיה רויזעל, ס'איז נישט קיין גאָלד, ס'איז פייער, רויט-בלישטשענדיג פייער וואָס וועט מיך, דיך און ס'גאַנצע הויז פּערברענען.

מענדעל האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד, זיך אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג און אָנגעהויבּט פּולע פויסטען גאָלד. ער האָט אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך, געזייהעט דורך די פינגער די גאָלד-שטיקלעך און געשריגען מיט אַ ווילד קול:

— געדענק חיה רויזעל, פון די רויטע אימפּעריאַלען וועט מיר דאָס בלוט ווייס ווערען.

מענדעל איז אָוועקגעפאַלען ווי אַ פּער'חלש'טער. ער איז געווען בלאַס. אויפ'ן פנים האָט זיך בעזעצט אַזאַ גרימאַסע, אַז ס'ווייב און קינדער האָבען זיך ביז טויט דערשראָקען און געמיינט, אַז אָדער ער איז משוגע געוואָרען, אָדער ס'האַרץ הערט אויף ביי איהם צו אַרבייטען. זיי האָבען איהם געריסען ביי די פּאָלעס:

— טאַטע, טאַטע, מיר וועלען דערלעגען דעם מאָגלעניצער רבי'ן וויפיעל די ווילסט נאָר אַליין, און אַבי נעם דיר נישט אַזוי צום האַרצען. מיר וועלען שוין מאַכען, אַז ס'זאָל גוט זיין. שטעה-אויף טאַטע, וועלען מיר צוזאַמען אויסקלויבען נאָך גוטע זאַכען פאַר'ן רבי'ן.

חיה רויזעל האָט, כדי נאָך מעהר צו בערוהיגען מענדלען, אַרויסגענומען פון שענקעל אַ ציכעל פון אַ קישען און אָנגעהויבען דאָרט אַריינלעגען קאָפּעסווייז גאָלד און זילבער, בריליאַנטען מיט פּערעל. און ווען דאָס ציכעל איז געוואָרען פול, אַז מ'האָט עס קוים געקאָנט פערבינדען ביים העלזעל מיט אַ שטריקעל, איז מענדעל אויפגעשפּרינגען אַ בעגייסטערטער, פול מיט קוראַזש און אויסגערופען: אָט אַזוי איז גוט, אָט אַזוי האָב איך הנאה. אַזוי בּרויך טאַקע צו זיין. זאָל טאַקע וויסען דער מאָגלעניצער רבי, אַז מענדעל בעל-עגלה האַלט וואָרט. נאָר הער חיה רויזעל, טאָמער זאָגט דער רבי, אַז ס'איז וועניג, זאָל מען איהם צו-געבען, ווייל כ'האָב בפירוש אָבגעשמועסט, אַז ס'קומט איהם אַ דריט-חלק פון אוצר.

— אַוודאי, אַוודאי — האָט זיך חיה רויזעל נישט אַנטקעגענגעשטעלט און אַלץ נאָכגעגעבען, טראַכטענדיג זיך בעת מעשה, אַז זי וועט ביידע אָבנאַרען: אי מענדלען, אי דעם מאָגלעניצער רבי'ן וואָס שאַדט עס דען איהר, וואָס זי פּאַקט איין אַזוי פיעל גאָלד און זי נעמט דערמיט איין מענדלען? זי וועט שוין אין מאָגלעניצע וויסען וואָס זי האָט צו טהון. זי וועט שוין מיט איהם אָבהאַנדלען און זי וועט נאָך צוריקברענגען מעהר ווי העלפט.

אין מיטען טראַכטען וועגען איהר פּלאַן האָט זי געהאַט אַ פּאָר מינוט שרעק, ווייל מענדעל האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל אַליין פאָהרען קיין מאָגלעניצע מיט'ן זעקעל גאָלד. ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז חיה רויזעל האָט איהם איבערצייגט, אַז ס'טויג נישט ער זאָל פאָהרען, ווייל די קאָזאַקען קענען איהם נאָך דערקענען אויפ'ן וועג. חוץ דעם איז גלאַט אַ סכנה ער זאָל זיך לאָזען אין אַזעלכע אונרוהיגע צייטען אין וועג אַריין. זי איז אַ פרוי און ס'וועט איהר גרינגער זיין אַדורכצוקריגען זיך צווישען די פּאָוסטאַנצעס און די קאָזאַקען.

האָט מען איינגעפּאַקט דאָס ציכעל אין נאָך אַ ציכעל, דערנאָך אַרומגעוויקעלט אין שמאַטעס און צום סוף ערשט אַריינגעלעגט אין אַ זאַק, וואָס איז געווען אויסגעבעט אינווייניג מיט שטרוי און היי, כדי מ'זאָל נישט הערען קיין קלינג פון די גאָלדענע מטבעות און אויך זאָל מען מיינען, אַז דאָס איז אַ פּאַק אַלטוואַרג. חיה רויזעל האָט זיך אָנגעטהון ווי אַן אַלטע בעטלערקע און אַזוי האָט זי זיך געלאָזט קיין מאָגלעניצע אויף איהר אייגען פיהרעל מיט יאָסעלע שמייסער, וואָס האָט אָנגעטריבען דאָס פערד.

געקומען קיין מאָגלעניצע, איז חיה רויזעל נישט גלייך פערפאָהרען צום רבי'ן, נאָר אין אַכסניה אַריין, וואו זי האָט זיך געהייסען געבען אַ בעזונדער צימער אונטער'ן מכלומר'שטען אויסרייד, אַז ס'דאַרפען באַלד קומען רייכע מחותנים.

אין דער אַכסניה, האָט זיך חיה רויזעל אָבגעשלאָסען אין איהר צימערעל, האָט אויפגעבונדען דעם זאַק און פאַרזיכטיג, שטיל אַרויסגענומען פון ציכעל אַ ביסעל אימפּעריאַלען; אַ פּאָר בריליאַנטען און צוויי שנירלעך פּערעל. דאָס אַלץ האָט זי שנעל אַריינגעלעגט אין בוזעם אַריין און דעם זאַק צוריק פערבונדען און אַרונטער געשטיפּט אונטער'ן בעטעל.

ווען זי איז פערטיג געוואָרען מיט דעם, איז זי אָוועק צום רבי'ן מיט דער מתנה. מ'האָט זי דאָרט אויפגענומען ווי אַ קרובה, אָבער מ'האָט זיך מיט איהר שטאַרק נישט געפּרעהט. זי איז געקומען אין בעטלער-קליידער און אַלע דאָרט אין הויף האָבען געמיינט, אַז זי איז געקומען נאָך שטיצע. חיה רויזעל האָט דאָס אַלץ געפיהלט, אָבער ביי זיך נישט אַראָבגעפאַלען. פּערקעהרט, אין זיך איז זי גאָר געווען צופרידען, טראַכטענדיג זיך: ס'איז בעסער אַזוי. זאָל קודם נישט זיין קיין דעש.

(ווייטער קומט)

י. ב. שטריימאַן

כ'וואָלט נאָך געבליבען אין וואַרעמען לאַנד

דער באָטשאַן, דער חסיד, דער קלאַקער
איז געקומען צוריק דעם 17-טן מערץ
און ער שטאַט אָפּ אַ וויזיט דעם מאַקער,
וואָס איז נאָך געפרווירען און האַרט.

אַ פּערצווייפעלטער צו דער יעזשאַרע
האָט ער די פליגעל צעלאָזט;
דאָ זעהט ער דער ווינט טהוט זיך טאַרע
מיט די גראָהע, די אייזערנע פּראָסט.

פליהט ער צוריק צו זיין שטיבעל
די נעסט נעמט איהם אויף אַזוי קאַלט;
ס'איז נישט קיין היים מעהר, עס איבעלט
און דאָס שפּערל מאַכט אייף איהם אַ געוואַלד.

די פּראָסט ווי מיט גיפטיגע צינגען
שטעכט זיך אַריין אין זיין לייב;
ער הויבט אָן צו לויפען, צו שפּרינגען
און מיט איהם קריגט אַרום זיך זיין ווייב:

האָסט דוקא געוואָלט אַהער רייזען
און קומען דער ערשטער אַ הער
איך געה אָהן אַ העמד און אָהן הויזען
און דער הונגער ער מאַטערט אָהן אויפהער.

כ'וואָלט מיט מיין שכן געבליבען
אין וואַרעמען לאַנד נאָך אַ צייט
און עסען. וואָס טויג מיר דאָס לעבען,
צו וואָס דיינע גאָלדענע רייד?

דו האָסט מיך גענומען כ'זאָל שטאַרבען
אין די אָרעמ'ס פון דער אייזערנער קעלט;
כ'בין טרוקען און דאַר ווי אַ שאַרבען
האָב איך שוין אויסגעלעבט מיין וועלט?

צו וואָס זיך דאָס קריגען, דאָט יאַדען
פייגעל, ליבע ליכטיגע מיין
און איך האָב גענומען אַלע ביידען
צו מיר אין דעם שייער אַריין.

גבריאל ווייסמאַן

דער מייסטער פון טרערען-געלעכטער

(צו שלום-עליכמס 80-טען געבורטסטאָג)

צו וועמען האָט מען אַלץ שוין נישט געפּרוּווט פאַרגלייכען שלום-עליכמען: צו גאָגאָלן, צו טשעכאָוון, צו מאַרק טוועגען, צו סערוואַנטעסען, צו טשאַרלז דיקענסען און צו...

אָבער ניין, ס'איז נישט דער און נישט יענער. ס'איז שלום-עליכם! אונזער שלום-עליכם מיט זיין געזונטען פריידיגען געלעכטער

פאַרשידען זענען די מיינונגען וועגן זיין געלעכטער: אַ טייל קריטיקער און שלום-עליכם - קענער זאָגען, אַז ער האָט געלאַכט מיט יאַשטשערקעס, געלאַכט דורך טרעהרען, געלאַכט דעמאָלט, ווען אויפן האַרצען איז געווען פאַרביטערט; אַנדערע מיינען, אַז אַ סך סאַטירע האָט געשטעקט אין זיין געלעכטער, אָבער דער גרעסטער טייל האַלטען, אַז זיין געלעכטער איז געווען אַ פריידיקער, אַ ליכטיקער און דער עיקר — אַ געזונטער.

אויף דער פראַגע: פון וואָס פאַרא קוואַלן האָט שלום-עליכם געשעפּט זיין הומאָר, וואָס האָט געשפּרודעלט פון אים ווי פון אַ לויטערן קוואַל? — איז פאַראַן איין-און-איינציגער ענטפער: פונם לעבעדיגען פאָלקס-אוצר — פון די מנחם-מענדעלס און טוביה'ס. דערפאַר טאַקע איז אַזוי לייכט, אַזוי מחיהדיק און גוט צו לייענען שלום-עליכמען.

און פונקט ווי מיר שטרענגען זיך נישט אָן ביים לייענען, אַזוי האָט דער מחבר — פילן מיר — אויך נישט געמאַכט די מינדעסטע אָנשטרענגונג בעתן שרייבן. און נאָך וואָס טאַקע קנייטשען דעם שטערן פאַר צוטראַכטען ווערטער, געשעהענישען, איבערלעבונגען און טראַכטונגען פאַר זיינע העלדען, אַז ער קען אַזוי לייכט, ממש פעדער-גרינג, אַרויפלאָזען אויף די בוך-בלעטער — ווי אויף אַ פילם-טאַשמע — זיינע פאַרשוינען מיט אַלע זייערע ווערטלעך, גלייכווערטלעך, וויצען, קאַטאָוועסן, מיט זייערע אומגעלומפּערטע העויותן, אַרומשמייכצער, מיט זייער מנחם-מענדלשן האַנדל-וואַנדל און קאַסרילעווקער גליקן, מיט זייער צעטראָגענקייט און באַריידעוודיגקייט און — זאָלן זיי זיך אַליין אַראָפּרעדען פונם האַרצען וויפיל זיי גלוסט זיך נאָר...

דאָ, טאַקע, שטעקט די גרויסע קונסט פון שלום-עליכמען: אויפגעכאַפּט די באַוועגונגען און רמזים פונ'ם יודישען פאָלק, פאַרנומען זיינע רייד און — געלאָזען זיינע העלדען אויסרעדען אַלץ, וואָס ליגט זיי אונטערן לונג און אויפן צונג און אויך געלאָזען זיי פריי באַוועגען זיך...

אַזוי אַרום ווייט נישט פאַרלוירען פאַר אונז דער מינדעסטער קלאַנג, די מינדעסטע טראַכטונג, דער קלענסטער שטריך אָדער עפּיזאָד און אַפילו נישט — דער דינסטער ניואַנס. דערפאַר זענען זיינע העלדען אונז נאָענט און האַרציג, ווייל אַלץ איז ווירקליכקייט — אַלץ איז הוילער אמת: אַזוי רעדט און טראַכט דאָס יודישע פאָלק!

צוויי הויפּט-טיפּען האָט שלום-עליכם: „מנחם-מענדל" און „טוביה דער מילכיגער".

דער ערשטער איז אַ יוד, אַ שלימזלניק, וואָס כאַפּט זיך אָן אין טויזענטער געשעפטען, וואָס לאָזען זיך אויס אַ.. בוידעם, און דער צווייטער, טוביה, איז אַ יוד, אַ פּקח, אַ וויצלער, וואָס שיט ווי פון אַ לעכערדיגען זאַק אַרויס מיט תורה-ווערטלעך, וואָס קלעבען זיך ווי אַן אַרבעס צו אַ וואַנט...

ביידע זענען אונז אָבער ליב. אַפילו דעמאָלט, ווען מנחם-מענדל פיהרט צונויף צוויי כלות אַנשטאָט אַ חתן מיט אַ כלה, איז ער אונז אויך ליב. דאָס זעלבע אויף דער האַרציגער טוביה מיט זיינע גילדענע ווערטלעך און פאַרדרייטע פּסוקים.

און ליב אפשר דערפאַר, ווייל — נאָענט. וויפל אמת, אַ שטייגער, פאַרקערפּערט מיט זיך מנחם-מענדל? איז דען נאָך ביזן היינטיגען טאָג דער יודישער האַנדל פונם רוב מנין און רוב בנין נישט קיין מנחם-מענדלישער? זענען די „יודישע גליקען" געוואָרען אַנדערש?...

דאָס זעלבע אויך: טוביה. דרייען זיך דען נישט אַרום ביזן היינטיגען טאָג אין די קליינע שטעטלעך (ביי שלום-עליכם: מאַזעפּעווקע, יעהופּעץ, קאַסרילעווקע, א. ז. וו.) אַ סך אַזעלכע טוביהס, וואָס שיטען מיט אָן אַ שיער שאַרפזיניגע ווערטלער, גלייכווערטלעך, וויצען, קאַלאַמבורען, קללות, שבועות און פאַרגלייכענישען? אין די טויזענטער זענען זיי, אָט די טוביהס, וואָס אין יעדן פון זיי שטעקט שיער נישט אַ פּראָים גריידינגער אָדער אַ הערשעלע אָסטראָפּאָליער...

ס'איז אָבער פאַראַנען, מיינען מיר, נאָך אַ סיבה, צוליב וועלכער מיר האָבן שלום-עליכמ'ס טיפּען ליב — צוליב זיין וואַרעמע באַציונג צו זיי. נישט ער האָט זיי — ווי שוין פריער דערמאָנט — באַשריבען ווי אים, שלום-עליכמען האָט זיך געוואָלט, נאָר ער האָט ממש מיטגעלעבט מיט זיי. מיטגעלעבט מיט די חכמות און נאַרישקייטען פון זיין פאָלק. דערצו האָט אים, פאַרשטייט זיך, אַ סך צוגעהאָלפען זיין קינסטלעריש אויג און אויער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אַלץ און אַלעמען.

אָט דאָס איינלעבען זיך און מיטלעבן מיטן פאָלק האָט איהם דערהויבען צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז די מזרח-וואַנט האָט ביי איהם פאַרנומען דער געדרוקטער און אָרימער פאָלקס-מענש, ווען ער האָט אַזוי גוט-ברודעריש געצערטעלט, געגלעט און געוויזען דער וועלט: זעהט, אַז טראָץ דעם, וואָס מיינע מענטשען זענען אָרימע לייט — קוועלט פון זיי אַרויס חכמה, פרייד און לעבן!

און נישט נאָר ביים לעבען איז ער האַנט-ביי-האַנט מיטגעגאַנגען מיטן פאָלקס-מענשן, ווי אַ שטייגער רות מיט נעמי, נאָר אויך נאָכן טויט האָט ער נישט געוואָלט זיין ווייט פון דער סביבה, פאַר וועלכער ער האָט געשאַפן. האָט ער טאַקע איבערגעלאָזען אַ צוואה, אין וועלכע ער האָט פאַרווערט צו לייגן איהם צווישען די גבירים און „אָנגעזעהענע לייט", נאָר צווישען די פּראָסטע עמך-מענשען, פאַר וועמען ער האָט אַוועקגעגעבען דאָס טייערסטע — זיין האַרץ.

עטליכע צוואַנציג יאָהר זענען אַדורך זינט שלום-עליכם איז אַוועק פון אונז און צוזאַמען מיט אים זיין געלעכטער. נישטאָ מעהר דאָס שלום-עליכם-טשאַפּלין געלעכטער. און גראָד האָט עס אויפגעהערט אין אַזאַ צייט, ווען מען לעכצט ממש נאָך אַ טראָפּן געלעכטער...

איין טרייסט איז אָבער פאַראַן: שלום-עליכמ'ס ווערק. אַ טייערע און אַן אייביגע ירושה! אָבער אויך אַ רייכע ירושה איז עס. ס'איז דאָ וואָס צו צעטיילען. טיילט מען טאַקע גאַנצע אוצרות פאַרן טעאַטער, פאַרן עקראַן, פאַר דער שול, פאַרן סתם-לייענער, פאַרן פילאָלאָג און פאַרן פאָלקלאָריסט.

ס'איז אָבער ווינציג דאָס צעטיילען. מען דאַרף אויך קענען געניסען פון אַן אוצר. טאָ זאָל מען זיך טאַקע האַלטען אין שלום-עליכמס צוואה: לייענען, וואָס מעהרער לייענען זיינע ווערק!

דאָס יודישע שפּיטאָל אין ראַדאָם

דאָס גרויסע ווערק פון אַמאָליגע ראַדאָמער יודען — געלויערט א סכנה פון אונטערגאַנג — די באַציהונג פון רייכען מענטש צום שפּיטאָל אַמאָל און היינט — וואָס האָבען בייגעטראָגען די ראַדאָמער תושבים און אונזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקא צום ווידער-אויפבוי פון שפּיטאָל — צוויי וויכטיגע פּלענער.

פראָנט • מויער פון יודישען שפּיטאָל.

אין א סך מעדיצינישע אויסגאַבעס געפינען מיר אַלס מאָטאָ פאָלגענדע פראַגע, וואָס איז באַלד באַגלייט מיט אַן ענטפער.

פראַגע: אין וואָס באַשטייט דעם מענטשענס גליק?

ענטפער: איין טייל מיינט, אַז גליק איז געלט, די צווייטע — באַרימטקייט, די דריטע — מאַכט. דער אמת איז: אַלע זאַכן זענען גאָרנישט ווערט, אויב עס פעהלט איין זאַך — געזונט!

און טאַקע: מעג דער מענטש זיין ווי רייך און גליקליך, אָבער טאָמער טוט אים נאָר עפּעס וויי, אַזוי הערט אויף פאַר אים אַלץ צו עגזיסטירען, ווייל איין-און-איינציגע זאָרג באַקומט ער — ראַטעווען דאָס געזונט, וואָס איז אים דאַן אַזוי ליב און טייער.

אמת, טאַקע, אַז דער רייכער טוט זיך אין אַזאַ פאַל אַן עצה: רופט א דאָקטאָר, נעמט רפואות, באַשטעלט נאָך אַמאָהל דעם דאָקטאָר, ביז ער ווערט געזונט. דאָס אַלץ איז אָבער געזאָגט געוואָרען דעמאָלט, ווען די קרענק איז אַן אינערליכע, וואָס מ'קען אויסהיילען ביים חולה אין שטוב. וואָס טוט אָבער אַזעלכער, וואָס דאַרף זיך אונטערגעבען א שווערע אָפּעראַציע, וועלכע מ'קען נישט אַדורכפיהרען אין א פריוואַטער שטוב? — בלייבט דאַן איין אויסוועג — שפּיטאָל.

אין די פריערדיקע יאָהרען, האָט דער פאַרמעגליכער קלאַס כמעט ווי אויסגעמיטען דאָס שפּיטאָל און בעסער זיך געהיילט אין די פּריוואַטע הייל-אַנשטאַלטען. היינט אָבער, ענדערט זיך מיט יעדען טאָג די דאָזיגע לאַגע צום גוטען, ווייל כמעט אַלע פאַרשטייען שוין היינט גוט, וואָס עס הייסט אַזעלכעס שפּיטאָל.

אָבער אויב דער פאַרמעגליכער קלאַס פאַרשטייט עס ערשט היינט, האָט דאָס שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען אָפּצושאַצען דער אָרעמער קראַנקער, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין מעגליכקייט פריוואַט זיך צו היילן, אָפּגערעדט שוין, פון זיין אַנטי-סאַניטאַרער און ענגער וואוינונג, ווו ער האָט פשוט נישט געהאַט קיין אָרט צום ליגן.

פאַרן יודישען קראַנקען, ווער שמועסט, פאַרן עלטערן מענטשען, איז אָבער דער נישט-יודישער שפּיטאָל נישט געווען זייער שטאַרק צום האַרצען. און דאָס קודם-כל: צוליב דער סביבה און — שפּראַך. א קראַנקער — ווייסט מען — האָט ליב צו דערציילען פאַרן דאָקטאָר וועגן זיין קרענק מיט אַלע פּיטשעווקעס. עס דוכט זיך דעם חולה, אַז נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר וועט אים בעסער אויסהערן, וועט ער אים וויסען מיט וואָס צוצוטרעטען. און דאָ, אינם נישט-יודישען שפּיטאָל איז דער יודישער קראַנקער געלעגען מיט א שטומע צונג... און דערצו נישט געהאַט צומאָל זיין סביבה... דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אויפן חולה זייער דעפּרעסיוו געווירקט.

דעם דאָזיגען שטומען צער האָבען, ווייזט אויס, גוט פאַרשטאַנען אונזערע אַמאָליגע יודישע גבירים, וועלכע זענען צוגעטרעטען מיט אייגענע כוחות אויפצובויען אין א ריי יודישע שטעט שפּיטעלער.

אויך ראַדאָם האָט געהאַט אַזעלכע „אַמאָליגע יודען", מיט דער צו יענער צייט אָנגעזעענער פאַמיליע בעקערמאַן בראָש, וועלכע האָבען געטון א גרויסע פּיאָנערישע אַרבייט: אויפגעשטעלט א יודיש שפּיטאָל אין ראַדאָם.

יאָרען לאַנג האָט דאָס ראַדאָמער יודישע שפּיטאָל געהאַט א שם ווייט אַריבער די גרעניצען פון אונזער שטאָט. אָבער... אין די לעצטע יאָהרען האָט דעם יודישען שפּיטאָל צוליב געוויסע סיבות (וועגען וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדען) געדראָהט פאַרמאַכט צו ווערען, אָדער... פאַרוואַנדעלט צו ווערען אין א נישט-יודיש שפּיטאָל פאַר ווענערישע קראַנקהייטען.

אונזער צייטונג איז דעמאָלט אַרויס מיט א ריי אַלאַרם-אַרטיקלען, וועלכע האָבען גורם געווען דערצו, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען א שפּיטאָל-קאָמיטעט מיטן יודישען ראַטמענער-קאָלאָ און דעם פּרעזעס דען בראָש, וועלכע האָבען אונטערגענומען אַן ענערגישע אַקציע אינם שטאָט-ראַט און ביי די געהעריגע מאַכט-אָרגאַנען, כדי דאָס שפּיטאָל צו דערהאַלטען אין יודישע הענט. און — עס איז געלונגען!

קנאַפּע צוויי יאָהר זענען אַדורך זינט דאָס יודישע שפּיטאָל האָט צוריק אָנגעהויבען זיין טעטיק.

דורך דער דאָזיגער צייט איז אונז שוין געהאַט אויסגעקומען צו דערמאָנען צום גוטען דאָס שפּיטאָל, אָבער איצט ווילען מיר איבערגעבען וועגן א באַזוך, וואָס מיר האָבען געמאַכט אין צוזאַמענהאַנג מיטן רענטגען-אַפּאַראַט, וואָס די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין אַמעריקא האָבען געשיקט פאַרן היגען שפּיטאָל.

שוין פון אָנהויב מוז געזאָגט ווערען, אַז דער לעצטער באַזוך האָט אויף אונז געמאַכט אַזאַ גוטען איינדרוק, אַז מיר קענען זיך פשוט נישט באַפרייען פון זיך צו טיילען מיט אונזערע לעזער.

ווי קאָלאָסאַל דאָס שפּיטאָל האָט זיך געענדערט זינט אונזער לעצטן באַזוך מיט א יאָהר צוריק. ממש נישט צו דערקענען. עס מאַכט גאָרנישט דעם איינדרוק ווי א יודיש שפּיטאָל, נאָר האָט א העכסט-אייראָפּעאישען אויסזעהן: ריין ציכטיג, שטיל, נעמיטליך, אָבער נישט קאַלט און פרעמד... גאָר פאַרקעהרט: וואַרים און היימיש — ווי ביי זיך אין דער היים: ווייל דער קראַנקער כאַפּט א שמועס מיט זיין שכן, איז א קליינעם באַוועג מיט די ליפען און שוין געהט אַוועק א שמועס אויף ריין מאַמע-לשון וועגן ווייב, קינד, פאַמיליע, פּאָליטיק, און דער עיקר, וועגן דער אייגענער קרענק; ווייל דער חולה הערען ראַדיאָ — דאַרף ער נאָר בלויז אויסשטרעקען זיין האַנט צום נאַכט-שענקעלע נאָך די כלי-כאַוואָקעס און שוין הערט ער שיינע מוזיק. אָדער אַן אינטערעסאַנטע פאַרלעזונג; קומט דער דאָקטאָר — איז אויסגעניי מחיה דיג: מען דערצעהלט פאַר'ן דאָקטאָר, — אויף היימיש-לשון — וואָס עס טהוט נאָך אַלץ וויי, ווי אַזוי מען איז איינגעשלאָפען א. ז. וו. דער לעצטער ווידער, הערט דעם חולה אויס אויפמערקזאַם און טהוט וואָס א דאָקטאָר דאַרף טהון. מיט איין וואָרט: אַלע פיהלען זיך היימיש און גוט. אפילו די פאַרמעגליכע קראַנקע פיהלען זיך — האָבען זיי אונז דערקלערט — נאָך היימישער און בעסער ווי אין די פּריוואַטע הייל-אַנשטאַלטען.

דאָס דאָזיגע גוטע פיהלען זיך, נעמט זיך, מיינען מיר, א דאַנק דער גוטער איינשטעלונג און באַציהונג פונ'ם גאַנצען שפּיטאָל-פּערסאָנאַל צום חולה, אָנהויבענדיג פונ'ם דירעקטאָר, אָרדינאַטאָר, אינטערנס, פעלדשער, שוועסטער, גאָספּאָדאַזש ביז... דער דינערשאַפט.

איצט ווען מיר האָבען זיך שוין באַקענט מיט דער גוטער אַטמאָספערע, וואָס עס הערשט אינ'ם שפּיטאָל, ווילען מיר זיך באַקענען מיט א קליין ביסעלע סטאַטיסטיק. אויב מיר זאָגען: א קליין ביסעלע, מיינען מיר, פאַרשטעהט זיך, נישט צו געבען אַלץ, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע צווייגען פונ'ם שפּיטאָל. דאָס וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען אין א צייטונג'ס-אַרטיקעל, אָבער דאָס וואָס מיר געבען אַן איבערבליק פון סטאַטיסטיק, איז עס נאָר דערפאַר, כדי צו באַווייזען, אַז דורך דער קורצער צייט פון זיין צוריק באַנייט ווערען, האָט דער שפּיטאָל באַוויזען צו געווינען די אַלגעמיינע סימפּאַטיע און צוטרוי פון דער ראַדאָמער יודישער באַפעלקערונג.

עס שטעלט זיך אַזוי פאָר: זינט דעם 10-טען יוני 1937 ביז דעם 10-טען מערץ 1939 האָבען דעם יודישען שפּיטאָל געזוכט און אויסגעהיילט געוואָרען ביי 1400 קראַנקע. א חוץ דעם זענען אין שפּיטאָל-לאַבאָראַטאָריום געהיילט געוואָרען קנאַפּע 1500 קראַנקע, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט קלענערע אָפּעראַציעס [illegible], אינערליכע קראַנקהייטען און באַקומען אַנדערע מעדיצינישע הילף.

א ציפער, דוכט זיך, וואָס רעדט מעהר פאַר זיך ווי טויזענדטער אַרגומענטע. דערצו דאַרף מען נישט פאַרגעסען, אַז די „אובעזפּיעטשאַלניע" און אַזוי גיט דער מגיסטראַט מיידען אויס צו שיקען דעם יודישען קראַנקען אין... יודישען שפּיטאָל, (וועגען דעם א צווייט מאָהל)

עס פאַרהאַן דריי אָפּטיילונגען: 1) כירורגישע (אַלע מינים אָפּעראַציעס); 2) אינטערנע (אינערליכע קראַנקהייטען) און 3) לאַרינגאָלאָגישע אָפּטיילונג (האַלז, נאָז, אויערען)

דאָס שפּיטאָל, איבערהויפּט דער דירעקטאָר, ד"ר קליינבערגער, האָט געזעהן אַלץ, כדי אַלע דריי אָפּטיילונגען זאָלען באַזעצט ווערען דורך די גוטע דאָקטוירים. פאַרהאַן צווישען זיי אַזעלכע, וואָס זענען גוט באַקאַנט אויסער דער שטאָט ראַדאָם. ס'איז נעגוג צו דערמאָנען זייערע נעמען, אַז מען זאָל געווינען דעם צוטרוי צו זיי. מיר ווילען דאָ אויסרעכענען אַלע: קעלערוואַרם, קליינבערגער, פּאַפּמאַן, גוטמאַן און נויפעלד.

און אויב מען האַלט שוין יאָ ביים אויסרעכענען נעמען, זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערען צום גוטען נאָך צוויי נעמען פון מענשען, וואָס לייסטען א סך פאַר'ן שפּיטאָל. דאָס זענען אין דער ערשטער רייה דער גוט-באַקאַנטער פעלדשער, מאיר פינקעלשטיין, וועלכער אַרבייט שוין אָהן איבעררייס אינ'ם זעלבען שפּיטאָל ביי א 40 יאָהר און — דער פלייסיגער אינטענדענט יהושע עלפאַנט.

איצט קומט דער וויכטיגסטער אָביעקט צוליב וועלכען מיר האָבען געמאַכט דעם היינטיגען באַזוך. דאָס איז — דער רענטגען-אַפּאַראַט.

פון די פריערדיגע נאָטיצען איז שוין די לעזער אונזערע באַקאַנט, אַז די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין אַמעריקא האָבען געשאָנקען פאַרן היגען שפּיטאָל א רענטגען-אַפּאַראַט, וועלכער קאָסט 2 טויזענט דאָלאַר.

ווען מיר באַקענען זיך נעהנטער מיט דער באַדייטונג פונ'ם דאָזיגען אַפּאַראַט זעהט מען, אַז א חוץ דעם גוטען ווילען און איבערגעגעבענקייט פון אונזערע ראַדאָמער לאַנדסלייט, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט אין די פאַראייניגטע שטאַטען, האָבען זיי אויך אַרויסגעוויזען טיפען פאַרשטענדניש פאַר אַזאַ קעגענשטאַנד, פאַר אַזאַ אומגעהויער נוצליכער זאַך וואָס איז באמת נויטיג געווען פאַרן שפּיטאָל.



דער רענטגען-אַפּאַראַט, וואָס איז געשאָנקען געוואָרען פון אונזערע ראַדאָמער לאַנדסלייט אין אַמעריקא.

געקומען פאַראַיאָהרען, אין דער צייט, קיין ראַדאָם אונזער לאַנדסמאַן פון אַמעריקא, משה ראַדאָמסקי, א באַקאַנטער טוער אין די ראַדאָמער סאָסייטי'ס אין ניו-יאָרק, געמאַכט א באַזוך אינם יודישען שפּיטאָל, געטראָפען אין די אַלטע מויערן א פּרעכטיג אויפגעפרישט שפּיטאָל, זיך אַרומגעקוקט, וואָס עס איז דאָ און וואָס עס פעהלט און צו זיך אַזוי געזאָגט: די ראַדאָמער יודען האָבען פאַקטיש אויפגעטוהן א גרויסע זאַך און איצט קומט די ריי אויף אונז ראַדאָמער לאַנדסלייט, די מעבר-לים'דיגע ברידער. אויך מיר מוזען צולייגען א האַנט צום דאָזיגען גרויסען ווערק. און ה' ראַדאָמסקי האָט עפּעס אויסגעטראַכט — אויסגעפינען א זאַך וואָס איז ווירקליך נויטיג: אַן עקס-רעהם-מאַשין, (אויף אונזער לשון: רענטגען-אַפּאַראַט). געזאָגט און געטון. קומענדיג קיין אַמעריקא איז פּראָקלאַמירט געוואָרען פון אַלע ראַדאָמער סאָסייטיס א גראַנדיעזע אַקציע, וואָס האָט זיך געצויגען פון ניו-יאָרק ביז באַלטימאָרע און אָט איז דער רעזולטאַט: צוגעקומען אין שפּיטאָל אַן אַפּאַראַט, וואָס באַשטראַהלט, באַלייכט און העלפט צו פעסטשטעלען די דיאַגנאָזע ביים קראַנקען. אַזוי זענען זיי אונזערע אַמעריקאַנער ברידער. זיי מוזען עפּעס מחדש זיין: איז געקומען קיין ראַדאָם אונזער לאַנדסמאַן דזשייקאָב דיימאַנט, האָט ער געגרינדעט א הילפס-קאַסע; זענען געקומען די לאַנדסלייט זיינוועל גראָסעלד פון באַלטימאָרע און האָכשטיין פון ניו-יאָרק, האָבען זיי פיל מיטגעהאָלפען צו פאַרבעסערען דעם מצב פון די אַלטע לייט אין מושב-זקנים.

יעצט בלייבט אונז נאָך צו מאַכען אַן אַפּעל אויף צוויי פראָנטען: אויפן אינערליכען און אויסערליכען.

די יודישע באַפעלקערונג אין ראַדאָם, מוזען מיר זאָגען, אַז דער יודישער שפּיטאָל פּראָיעקטירט צוויי ערנסטע און וויכטיגע פּלענער: 1) אַרויפציען נאָך א שטאָק אויף די שפּיטאָל-געביידע און 2) עפענען א גינעקאָלאָגישע אָפּטיילונג. ביידע פּלענער זענען פון גרויסער און וויכטיגער באַדייט. וועגן לעצטען פּלאַן איז שוין אַן א שיער געשריבען געוואָרען אין אונזער צייטונג. עס וואָלט געווען א שרייענדיגע עוולה, אַז דאָס זאָל נישט פאַרווירקליכט ווערען. מיר האָבען שוין געשילדערט האַרץ-רייסענדע בילדער פון אָרימע יודישע געווינערינס, וואָס געבאָרען זייער קינדער אין די שרעקליכסטע, ממש קאַטאַסטראָפאַלע בעדינגונגען. דאָס יודישע ראַדאָם, וועלכע האָט גלענצענדיג אויסגעהאַלטען דעם ערשטען עגזאַמען פון איבערבויען דאָס שפּיטאָל, דאַרף אויך באַלייגען דעם צווייטען עגזאַמען אויף די צוויי דערמאָנטע געביטען.

צום סוף בלייבט אונז צו אַפּעלירען צו אונזערע האַרציגע ברידער פון יענער זייט ים:

מיט'ן שיקען אייער קאָסטבאַרען עקס-רעהם-מאַשין, האָט איהר ווירקליך אויפגעלעבט דאָס יודישע שפּיטאָל, אַריינגעבענדיג אין איהם א נייעם רוח-חיים. די דאָזיגע מתנה אייערע וועט אויף לאַנג בלייבען אין זכרון פון יעדען ראַדאָמער יוד. ווי מיר ווערען אָבער אינפאָרמירט פון דער שפּיטאָל-דירעקציע, ווערט דער רענטגען-מאַשין, וואָס אַן אמת שוין בענוצט צו זיין אייגענטליכען צוועק, אָבער נאָך נישט אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט, ווייל בכדי צו לאָזען אין באַטריב דעם אַפּאַראַט אין זיין גאַנצען גראַנדיעזען פאַרנעם, פעהלען נאָך צוויי וויכטיגע טיילען: „בוקי-בלענדא" און „קריפּטאָסקאָפּ".

ווי מיר הערען האָט דער דירעקטאָר פון יודישען שפּיטאָל, ד"ר קליינבערגער, זיך געוואָנדען דורך דער פערמיטלונג פון היגען רעליעף צו אונזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקא וועגן זעלבען ענין.

ס'איז דעריבער צו האָפען, אַז אונזער ליבע לאַנדסלייט אין אַמעריקא וועלען דערגענצען די צוויי פעהלענדיגע טיילען, כדי דער רענטגען-אַפּאַראַט, — זייער אייגענטליך קינד — זאָל קענען געלאָזען ווערען אין פולען גאַנג.

ג. ווייסמאַן.

זאַל נומ. 1 פון ד"ר כירורגישער אָפּט. פאַר מענער אויפ'ן נאָמען פון ר' סאַנע בעקערמאַן ז"ל.

פאר נישט לאזען פאהרען אויף „גאפּע״ געוואלט אראבדרעהען די באַהן פון די רעלסען.

אויף דער ליניע ראדאם-דעמבלין האט גראסירט דער גאפע-פאהרער סטעפאן מוליארסקי. דער דאזיגער „פאסאזשיר״, וועלענדיג פאהרען בחנם, פלעגט זיך ארויפכאפען אויפ׳ן דאך פון די וואגאנען, אדער אנהענגען זיך ערגיץ ביי א שטיק אייזען פון צוג און אזוי ארום דורכמאכען זיין רייזע אהין און צוריק. די באהן-קאנדוקטארען האבען מיט איהם אזוי לאנג געקעמפט, ביז זיי האבען איהם ענדליך פעריאגט.

מוליארסקי האט בעשלאסען זיך נוקם צו זיין און צו דעם צוועק האט ער צוויי מאהל אונטערגעלעגט מכשולים, וועלכע האבען שיער נישט גורם געווען צוויי גרויסע קאטאסטראפעס. איינמאהל האט ער א פאר מינוט פארן אנקומען פון צוג קיין פיאנקי, אוועקגעלעגט אויף די שינעס דעם אייזערנעם וועג-וויזער, וועלכען ער האט גוט פערפעסטיגט אין דער ערד, אז די רעדער זאלען איהם נישט קענען אוועקשליידערען, נאר אנשטויסענדיק זיך אין איהם, מוזען אראבגליטשען זיך פון די רעלסען. דער צוג איז דאן געווען פול געפאקט מיט פאסאזשירען, וועמען ס׳איז פארגעשטאנען א לעבענס-געפאהר, ווען ס׳קומט צו א צוזאמענשטויס. ס׳איז געווען א גליק, וואס דאס גרויסע שטיק אייזען איז באצייטענס בעמערקט געווארען און מ׳האט נאך בעוויזען דעם צוג איינצוהאלטען.

אויך דעם צווייטע מאהל, ווען מוליארסקי האט ווידער אוועקגעלעגט אויף יענעם ארט א גרויס שטיק אייזען מיט דער זעלבער פערברעכערישער כונה, איז דורך א גליקליכען צופאל אויסגעמיטען געווארען א קאטאסטראפע מיט מענשליכע קרבנות.

ביים צווייטען מאהל איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער אטענטאטער איז דער פיאנקער איינוואהנער סטעפאן מוליארסקי, א קאליקע מיט איין האנד. מ׳האט אים ארעסטירט און די טעג איז זיין פראצעס פארגעקומען אין ראדאמער קרייז-געריכט.

מוליארסקי איז פער׳משפט געווארען אויף 6 יאהר תפיסה מיט פערלירען די בירגערליכע רעכט.

גרויסע פייערונג פון בענייען א פאהן אין דער יודישער גימנאזיע „חובבי-דעת״.

די יודישע גימנאזיע „חובבי-דעת״ וועט קומענדיגען זונטאג פייערן א יום-טוב פון בענייען אנ׳אייגענעם שול-פאהן.

אין צוזאמענהאנג מיט אט דער פייערונג איז געשאפען געווארען א עהרען-קאמיטעט.

אין עהרען-קאמיטעט זענען אריין פאלגענדע אנגעזעהענע פערזאנען:

דיר. מ ברוידע, פרעזעס פון פערבאנד פון די יודישע מיטעל-שולען אין פוילען; מ. כאינא, וו. כזשאנאווסקא; אינזש. ס. דרעווסקי, מ. גייל, י. יאזשינסקא י. קושימאווסקי, ס. לאכאוויטש, ל. מראטשקאווסקי, ה. גורטשינסקא, פ. פאסכאלסקי, ע. פאדמאגורסקא, ה. סוליגא.

די אלע אויסגערעכענטע ה״ה און דאמען זענען די דירעקטארען פון מלוכה׳שע און פריוואטע ליצעאום׳ס און גימנאזיעס, ווי אויך פון טעכנישע און האנדועלער-גימנאזיעס.

חוץ זיי זענען אין עהרען-קאמיטעט אויך פערטרעטען די ה״ה: שול-אינספעקטאר וו. גאווסקי; קאמענדאנט פון פ. וו. קאפ. י. יאקוביעץ, פאוויאטאווע קאמענדאנט פון פ. וו. פארוסשניק ס. שאלצע רעיענט ראגוסקי, י. דיאמענט, מ. דען, ד״ר קעלערווארם, ד״ר פאסטמאן, ד״ר לעווי, ד״ר וו. פינקעלשטיין, ד״ר שטיין, רעקטאר פון יודאאיסטישען אינסטיטוט אין ווארשא, ד״ר א. טארטאקאווער, גענעראל-סעקרעטאר פון פערבאנד פון די יודישע מיטעל-שולען אין פוילען.

עס האבען אויך בעוויליגט אריינצוגעהן אין עהרען-קאמיטעט דער סטאראסטא ה׳ יאן מיעשקאווסקי, דער לייטער פון קוראטאריום ה׳ וול. גאלעצקי, דער פאלקאווניק און קאמענדאנט פון גארניזאן ה׳ קאראל כראבאטשינסקי און דער שטאדט-פרעזידענט ה׳ גושעטשנאראווסקי.

די פאהן-בענייאונג פון דער שול-געזעלשאפט „פריינד פון וויסען״ („פשיאטשול וויעדזי״) קומט פאר איבערמארגען זונטאג אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי״ 12 אזייגער בייטאג.

דער פראגראם נעמט ארום: קאנצערט-טייל, דאס איבערגעבען די פאן דעם דיר. הורוויטש און דאס אריינקלאפען נעגעל דורכן עהרען-קאמיטעט, דורך די עלטערען און דורך די פארבעטענע געסט.

אין אווענד קומט פאר אין די זאלען פון גימנאזיע (קילינסקי 13) א קאמערס מיטן אנטייל פון רעקטאר פון יודאאיסטישען אינסטיטוט אין ווארשא ד״ר שטיין.

דער א״י-באזאר אין די נעכסטע וואכע.

עס איז שוין בעשטימט געווארען דער ענטגילטיגער טערמין פון ארץ ישראל באזאר אין היינטיגען יאהר. די פייערליכע ערעפענונג קומט פאר: מוציו״ש דעם 11-טען אפריל. צו דער ערעפענונג וועט וואהרשיינליך קומען אלס שליח פון דער צענטראלע — דער בעקאנטער ציוניסטישער טהוער ח׳ ד״ר משה קליינבוים.

דער ארטיגער באזאר-קאמיטעט איז שוין צוגעטרעטען אדורכצופיהרען די געהעריגע הכנות. דער בופעט געפונט זיך אונטער דער לייטונג פון דער פרויען-ארג. „וויזא״. ס׳זענען שוין צעשיקט געווארען בערך 500 בריעף צו פערשידענע פירמעס, וועגען צושיקען פאנטען פאר׳ן באזאר. מאנכע פירמעס האבען שוין זייערע פאנטען צוגעשיקט.

(קאמוניקאט)

די דעקאראטיווע זייט פון באזאר געפונט זיך ווי יעדעס יאהר אונטער די לייטונג פון ה׳ חיים גאלדבערג, ווי אויך פון דעם ח׳ מרדכי פון ארטיגען קיבוץ „בחזית״. די דעקאראטיווע זייט שיינט צו זיין העכסט אימפאזאנט. ספעציעל שיינען צו זיין אינטערעסאנט די צוגרייטונגען צום באל „א נאכט אין תל-אביב׳ער פארט״. צו דעם צוועק וועט דער זאהל ספעציעל דעקארירט און אילומינירט ווערען.

זייער אנטייל אין די אימפרעזען פונ׳ם באזאר האבען אנגעמאלדעט די ארג. „השומר הצעיר״, מסדה, עקיבא און „יונג-וויזא״.

צו דער שליסונג פון באזאר וועט וואהרשיינליך קומען די חברה אסתר קאפלאן, וועלכע איז בעקאנט אין אונזער שטאדט. גלייכצייטיג וועט פארקומען דאס איבערגעבען איהר דעם דיפלאם פון דער איינשרייבונג אין „ספר הזהב״ פון קרן קימת לישראל.

ווי מיר ווערען געוואהר פון פערשידענע קרייזען, רופען די צוגרייטונגען צום היי-יעהריגען באזאר ארויס דעם געהעריגען אינטערעס צווישען די פעראינטערעסירטע קרייזען אין ראדאם.

ŻĄDAJCIE
TYLKO
„RIKSZA"
GUM..?
JEDWABNE

דעם 21 מאי — שטאדט-ראט וואהלען

ווי מען הערט זענען די וואהלען צום ראדאמער שטאדט-ראט בעשטימט געווארען אויפ׳ן 21-טען מאי.

וואו און ווי אזוי
צו געבען צו וואשען, פארבען, רייניגען פוטערס, לעדער, שיך און וועש?
מאדערנע, מעכאניזירטע אנשטאלטען
פון דער כעמישע פארבעריי און פראלניע
פון פוטערס, לעדער׳ס, שיך-ווארג
און וועש
A. HEMPEL
אין ראדאם טעל. 19-70
צענטראלע אויף דער אלטער שטאדט 7
פיליע נומער I זשעראמסקי נומ. 1
" " II " 21
" " III " 59
" IV טראוגוטטא " 11
פיליע נומ. V סקארזשיסק סטאשיצא נומ. 10
לייטער פון דער טעכנישער אבטיילונג
ALFRED HEMPEL
פיהרט אויס פאכמעניש און סאליד
דויערענדע פארבען פון דאמען און מענער - גארדעראבע, וואל, ביינוואל, פוטערס, לעדער, לעדערנע גארדעראבעס לאטשען, פעדערען, זאקען, לייווענט, פילס א. ד. גל.
די איינציגע אין קעלצער וואיעוו. פירמע, וואס פירט אויס
כעמיש-טריקען דאס רייניגען פון דאמען און מענער - גארדעראב, פוטער, דיוואנעס ווי אויך דאס אויפפרישן פון מאנטלען און פאלטענס
א ספעציעלע וועש-אבטיילונג:
צו וואשן העמדער, קעלנער, מאנזשעטען, פויערהאנגען א. ד. גל. ווערם אויסגעפיהרט אהן צומישונג פון פלארק, און אהן צומישונגען, וועלכע זענען שעדליך פאר דער וועש, מיט א שענעם זילבערנעם גלאנץ.
פערזיכערט די ג. קליענטעלע אז:
1) עס ווערט אויסגעהיטען פאר שאדען, פערפיהרונג
2) עס דעפארמירט נישט דעם שניט פון אנצוג
3) פערהיט פון פערלירען די נאטירליכע פארבען
4) פערהיט פון איינלויפען מאטעריאל
5) פערהיט פון פערלירען דעם גלאנץ און די עלאסטישקייט
6) עס ווערט דערהאלטען דער פאסאן
7) פרישט - אויף די קאלירען.
8) דערהאלט די אפאראטור
9) פערהיט די פעדים און די געוועבען פון מאטעריאל
10) שטעלט צופרידען די פערלאנגען פון היגיענע און גוטען געשמאק.
די נייע טעכניק און די 20 יעהריגע רוטין, פאכקענטניס פון דער לייטונג בעפולמעכטיגט די פירמע צו פערזיכערען די ג. קליענטעל, אז די איר אנפערטרויטע רעקאמאנדירונגען, ווערען אויסגעפיהרט סאליד, פאכמעניש און צו דער צייט, צו דער בעסטער צופרידענהייט פון דער קליענטעלע.
דער ברייטער פאך-פערנעם, ווי אויך די ראציאנעלע דעארגאניזאציע גיבען די מעגליכקייט פון ביליגען, שנעלען און סקרופולעלע אויספיהרונג פון די עמפפעהלונגען פון די קליענטעל.
מיר בעטען העפליך צו שענקען
פולשטענדיגען צוטרוי אונזער פירמע
מיט אכטונג:
Nowoczesne Zmechanizowane Zakłady
Farbiarnia i pralnia chemiczna
pralnia bielizny
A. HEMPEL

עטליכע טרויעריגע בלעטלעך פון א טאג-בוך פון א ראדאמער יודישען פליט.

XIII

און ס׳איז געווען אזוי ווי גרעטא האט געזאגט.

אין דריי טעג ארום, ווי נאר כ׳האב געקענט שטעלען די פיס אויף דער ערד, האט מען מיך ארויסגענומען פון בערלינער שפיטאל. אין יענעם טאג זענען צו מיר געקומען דער הויפט-דאקטאר פון שפיטאל, גרעטא׳ס פאטער, גרעטא אליין און א גאנצע גרופע געסטאפא-אגענטען.

פריהער פאר אלעם האט מיך דער דאקטאר אונטערזוכט און ווען ער האט פעסטגעשטעלט, אז מיין צושטאנד האט זיך בעדייטענד פערבעסערט און איך קען שוין ווערען בעפרייט פון שפיטאל, האט מען מיך איבערגעטוהן אין מיינע ציווילע קליידער, מיר דערלאנגט א פאס מיט א וויזע אלס שווייצארישער בירגער, און מ׳האט מיך אבגעפיהרט אין אן אויטא, צום אינטערנאציאנאלען צוג.

אין צוג זענען איינגעשטיגען איך, גרעטא און 5 געסטאפא-אגענטען. אלע האבען זיי געהאט אזעלכע פעסער ווי איך. זיי זענען אויך געווען ציוויל געקליידעט, און געפיהרט מיט זיך וואליזען מיט טעקעס. שוין זיצענדיג אין צוג האט גרעטא מיר איינגערוימט שטיל אין אויער, אז איך זאל זיך נישט אריינלאזען מיט קיינעם אין א שמועס און אויף אלע פראגען, וואס מ׳וועט מיר דא שטעלען אויף דער רייזע, זאל איך ענטפערען, אז איך קען ווייניג רעדען, ווייל איך בין שוואך; אז כ׳בין נאך א שווערער קראנקהייט און בין נאר וואס ארויס פון שפיטאל.

איך האב אליין דאס גוט פערשטאנען און דאך געווען איהר דאנקבאר פאר דער עצה וואס כ׳זאל וויסען צו ענטפערען. פון גרויס אויפטרייסלונג און איבערראשונג פון די געשעהענישען, וואס שפילען זיך אן ארום מיר בין איך געווען צעטומעלט און דעזאריענטירט. כ׳וואלט ווירקליך נישט געוויסט וואס צו ענטפערען. כ׳וואלט זיך אפשר ארויסגעכאפט מיט אנ׳איבריג ווארט, אדער גאר צו-פיעל פערשוויגען, וואס וואלט אויך נישט געטויגט און ארויסגערופען א פערדאכט. איצט בין איך טאקע רוהיג געזעסען און געזעהן ווי דער צוג פליהט פייל פון בויגען.

מיר זענען געזעסען אלע אין איין קופע. קיין פרעמדער אויסער אונז 7 איז נישט געווען.

אויף דער גרעניץ, צווישען דייטשלאנד און דער שווייץ, איז דער צוג געבליבען שטעהן, כדי דורכצופיהרען א רעוויזיע ביי די פאסאזשירען. נאך פאר׳ן שטעלען זיך פון צוג, איז גרעטא ארויס. פון קופע און זיך עטוואס געזוימט. שפעטער האב איך זיך ערפאהרען פארוואס דאס איז אזוי געווען. גרעטא איז אראב צו דער גרעניץ-וואך, אויסגעטוישט מיט איהר א פאר ווערטער און גלייך צוריק אריין צו אונז אין קופע, ערקלערענדיג, אז מיר ברויכען נישט אויסשטייגען פון צוג און געהן צו דער צאהל-קאמער, ווי עס טהון די אנדערע פאסאזשירען.

איך האב ארויסגעקוקט פון קופע-פענסטערעל און געזעהן ווי ס׳זענען דורכגעגאנגען דייטשע זשאנדארמען מיט געהיים-אגענטען, וועלכע האבען געעפענט אלע קופען און בעפוילען די פאסאזשירען זאלען פערלאזען דעם צוג און, מיטנעמענדיג מיט זיך אלע געפעק, געהן מיט זיי אין דער רעווידיר-קאסער.

אונזער קופע האבען זיי דורכגעלאזען, נאר ערשט צום סוף, ווען דער גאנצער צוג איז געבליבען אויסגעלעדיגט, זענען אריין צו אונז עטליכע זשאנדארמען, וועלכע האבען זיך זעהר העפליך פערנויגט און, פערמאכענדיג הינטער זיך די טהיר, זיך געווענדעט צו גרעטא, זי זאל זיי בעווייזען דאקומענטען.

אין קופע האט זיך אויסגעלעגט א געהיימניספולע שטילקייט. גרעטא האט געעפענט א וואליזע, מיט פאפירען, געמישט צווישען זיי און ארויסגענומען א פאפיר, וואס איז געווען בעלעגט מיט פאטאגראפיעס און סטעמפלען. מעהר האט מען נישט גערעדט און מ׳האט נישט געריהרט קיין איין רענצעל, קיין איין טשעמידאן אויף די פאליצעס. פאר׳ן אוועקגעהן האט זיך דער עלטסטער פון די זשאנדארמען געווענדעט צו מיר, מיט א פראגע: פון וואנען איך פאהר, וואוהין איך פאהר, ווער איך בין און וואס איך טהו צוזאמען מיט דער גרופע אין איין קופע.

איך האב איבערגעבעטען און זיך ענטשולדיקט, אז איך קען נישט רעדען, ווייל כ׳בין קראנק און נאר וואס פערלאזט דאס שפיטאל.

דא איז אויפגעשטאנען גרעטא און גערעדט שוין פאר מיר.

(פארטזעצונג קומט)

4 טויזענד מענשען שוין זיך רעגיסטרירט אויף דער פסח-אקציע.

די „עזרה" איז היינט טעטיג א גאנצען טאג. עס ווערט אויסגעפירט קודם כל די ערשטע טעכנישע ארבייט, וואס בעשטעהט פון פערעיסטרירען די ארימע און נויטבעדערפטיגע מענשען, וועלכע נויטיגען זיך אין שטיצע אויף פסח.

ביז היינט האבען זיך שוין פערעגעסטרירט העכער 800 פאמיליעס, ד"ה איבער 4 טויזענד נפשות. די רעיעסטראציע זעהט פאר אומגעפעהר נאך א מאהל אזא צאהל.

פון דער דאזיגער צאהל מענשען, קען מען זיך שוין מאכען א בעגריף אויף וואס פאר א ריזיגער גרויס עס פערנעהמט זיך די היינטיגע פסח-אקציע.

עס איז, פערשטעהט זיך, א שווערע אונטערנעמונג, אבער זי מוז דורכגעזעצט ווערען מיט ערפאלג. און ערפאלג מיינט, אז נישט פון בלויז מצות זאל די אקציע בעשטעהן, נאר עס זאלען געטיילט ווערען אנדערע פראדוקטען אויך.

די אקציע האט היינט געפינען א ווארימען אבקלאנג אין שטאדט, אזוי, או א סך מענשען שיקען אליין צו געלד. מען קען אבער נישט ווארטען אויף דעם און די נייע פארוואלטונג שטעלט זיך נישט אב פון צו געהן בעזוכען מענשען אין דער היים.

די היינטיגע פסח-אקציע ווערט פון פאראויס בערעכענט אויף א סומע פון צירקא 15 טויזענד זלאטעס, פון וועלכער דער גרעסטער טייל מוז געדעקט ווערן פון די געלד-זאמלונגען איבער דער שטאדט.

די „עזרה" האט זיך געווענדעט מיט א בריעף צום מאגיסטראט אין וועלכען זי בעט א סובווענץ פון 3000 זל. אויף דער אקציע. וואהרשיינלעך וועט עזרה בעקומען — אויב נישט די גאנצע געבעטענע סומע, איז א גרעסערע העלפט. פארהאן אויסזיכטען אויף דריטהאלבען טויזענד זל. דאס איז טאקע א געוויסער צושטייער צו דער אקציע, אבער נישט אינגאנצען.

מיר ווילען דא פרעגען דער נייער פערוואלטונג פון עזרה, וואס עס פארעט זיך ווידער אין דער עזרה ביי דער איצטיגער אקציע דער יעניגער געוועזענער בעאמטער, וואס איז דארט געזעסען גאנצע יאהרען און ארום וועלכען עס האט זיך דא נישט לאנג גענוג געטומעלט. מיר ווייסען, אז די פערוואלטונג האט אנגאזשירט א פעהיגען און אנשטענדיגען מענש צו דער ארבייט; איז צו וואס שמעקט יענער ווידער אריין אין דער „עזרה". וואס ציהט עס איהם ווידער אהין? יענער „העלד" דערמאנט מיט זיין אריינקומען — אפילו אומגעבעטענערהייט — די אמאהליגע „עזרה"... און דאס איז געוויס נישט קיין כבוד און נישט קיין טובה פאר דער איצטיגער אקציע.

אויב די פערוואלטונג האט נישט אקצעפטירט זיין „האנאראטע" אפערטע און נישט איינגעשטימט ער זאל ארבייטען ביי דער אקציע אפילו אומזיסט, טא וואס זשע טהוט ער דארט יעצט? ווער האט איהם געברענגט און ווער האט נאך איהם געשיקט?

ראדאמער יודישער יונגערמאן ראטעוועט אב א באהן-אויטאבוס פון פערברענט ווערען

ווען דער באן-אויטאבוס, וואס קורסירט פון ראדאם קיין שידלאוועץ און צוריק, איז דעם היינטיגען זונטאג פארבייגעפאהרען דאס דערפל מלאדאטשין, האט די מאשין פלוצים אנגעהויבען ברענען.

סיי דער קאנדוקטאר און סיי די ארומיגע דארפס-איינוואוינער זענען געבליבען אין גרויס פארלעגענהייט און נישט געוויסט וואס פריער צו טון. דא איז זיי צוהילף געקומען דער ראדאמער יונגערמאן, לייביל זיסהאלץ — וואס האט זיך צופעליג געפינען אינם דערמאנטען דערפל — וועלכער האט ארויסגעוויזען א סך ענערגיע ביים ליקווידירן די שריפה. אזוי ארום איז א דאנק דעם לעצטען דער אויטאבוס אפגעראטעוועט געווארען פון פארברענט ווערן.

דער קאנדוקטאר האט דעם יונגערמאן זייער געדאנקט.

עס ווערעז געזוכט

דורכן „יעאס" אין ווארשא ווערען געזוכט א געוויסער פסח גאלדבערג און זיין פרוי עליזאבעטא, וועלכע האבן מיט 40 יאהר צוריק התונה געהאט אין ראדאם.

דער „יעאס" האט זיך אויך געווענדעט וועגען דעם צו הרב קעסטענבערג, וועלכער בעט די בעטרעפענדע פערזאנען, אדער די וואס ווייסען פון זיי זאלען קומען אין דער קאנצעלאריע (זשעראמסקי 7)

עס האנדעלט זיך וועגען א בריעף פון אמעריקא.

4 יאהר „קינדערפריינד"

דעם 15-טן מערץ איז געווארען 4 יאהר זינט דער פארלאג „קינדערפריינד" עגזיסטירט. 4 יאהר, אינגאנצן און וואס פארא פרעכטיגע רעזולטאטען: 70 ביכלעך פאר גרעסערע, 70 פאר קלענערע, 50 זשורנאלן, 10 נומערן „קליינווארג" און 10 נומערן פון דער מוזיקאלישע ביבליאטעק. א חוץ די סעפעראטע אויסגאבעס: רובינזאן קרוזא און פינאקיא.

ס'איז לייכט אויפצושרייבען די דאזיגע ציפערן, אבער נישט לייכט איז געווען דאס ארויסגעבן די אלע קינדער-אויסגאבעס, וואס זענען געווען פארבונדען מיט קאלאסאלע הוצאותן און אן א שיער צייט.

ס'האט אבער געלוינט: „קינדערפריינד" האט דורך די 4 יאהר באוויזען אריינצודרינגען אין יעדער אדבעטער און קולטורעלער שטוב, וואו ס'געפינט זיך א קינד.

פאר אונזערע לעזער איז כדאי צוצוגעבען, אז די רעדאקטארען פון „קינדערפריינד" זענען: אונזער בן-עיר מ. טייכמאן און — פ' ע. בערמאן.



א פאר ווערטער צו די שלושים פון ח' אהרן גוטמאן.

די נאך מלחמה-יארען האבען אונז אזוי פארהארטעוועט, אז מיר קענען רוהיג דורכלייענען די פרימארגען-צייטונג מיט אירע שרעקליכסטע גרוילען און מיט גלייכגילטיגקייט איבערגיין צו דער גרויער טאג-טעגליכער ארבעט. אבער נישט רוהיג און דערשיטערט ווערן מיר דאן, ווען דער טויט רייסט אוועק איינעם פון אונזערע נאהנטסטע, איינעם פון די געצעהלטסטע טיפען אין דער יודישער ארבייטער-בעוועגונג!

אזא איינער איז געווען ח' אהרן גוטמאן. גערופען האט מען איהם תורה-קאפ. דאס האבען איהם זיינע פאך-חברים, די שיסטער-ארבייטער געקרוינט מיט דעם באמת פערדינטען נאמען, ווייל רעדענדיג אויף א פערזאמלונג, אדער זיצונגען האט ער זיך שטענדיג בענוצט מיט גמרא-ווערטלעך, מיט וועלכע ער איז געוועזען אנגעזאפט פון דער יוגענד. די ארבייטער, פאך-חברים, וועלכע האבען איהם נעהנטער ארום-גערינגעלט, ווילענדיג איהם א טשעפ-טהון האבען איהם פארגעווארפען הלמאי, ער א בעוואוסטזיניגער בונדיסט, האט א פאזיטיווע בעציהונג צו רעליגיע?

פלעגט ער דאן א שמייכלענדיגער ענטפערען:

—איך וויל טאקע, אז אויך איהר זאלט האבען א רעליגעזע בעציהונג צו אייערע אידעאלען!

ח' אהרן איז נאטירליך געוועזען א גוטער מענש מיט א פיהלענד הארץ. לויטער גוטסקייט אליין, א מוסטער-מענש, נישט אריינגעפאסט צו דער היינטיגער צייט. די גרעסטע עולות, וועלכע זענען געגען איהם בעגאנגען געווארען האט ער שטיל איבערגעטראגען.

פון צייט צו-צייט נאר געלאזט פאלען א ביטערען ווארט, קורץ, אבגעהאקט און מעהר נישט געלאזען רעדען דערפון! איז מען אבער בעגאנגען אן עולה געגן כלל, דא איז ער געוועזען ריקזיכטסלאז.

אן עלטערער איבערגעגעבענער בונדיסט האט ער מיט פיעטעט זיך בעצויגען צו בונדישע אינסטיטוציעס. ס'איז דא א קאנסום-קאאפעראטיוו — ח' אהרן נעמט א קוישעל, רעכענט זיך נישט דערמיט, וואס ער וואוינט ווייט און קומט מאכען זיינע איינקויפען אין קאאפעראטיוו. ער האט דערפון א בעזונדער פערגענוגען און בעאיינפלוסט אויך אנדערע. ח' אהרן פלעגט אויך שטענדיג פיגורירען אין די דורכ'ן בונד ארויסגעשטעלטע ליסטעס אויף אנגעזעהנע ערטער צו פערשידענע וואהל-אקציעס. ער איז געוועזען א פעראנטווארטליכער מענש. זיינע אמטען, וועלכע ער האט פערנומען אין געזעלשאפטליכען לעבען זענען דורך איהם מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט און געוויסענהאפט אויסגעפירט געווארען ער האט פאר דעם צוועק נישט געקארגט קיין צייט.

דער גאנץ-בעשיידענער פראלעטארישער לעבען האט איהם נישט דערלויבט אויף צו קענען אויסהאלטען זיך. פלעגט ער טאקע נישט איין מאהל אויסטוישען א מיטאג אויף א פארלעזונג; א פרישטיק — אויף א צייטונג.

ס'איז נישט געוועזען קיין איין פארלעזונג אין אונזער שבאט אויף וועלכער ח' אהרן האט נישט געזאלט זיין און דוקא אין די ערשטע רייען. ער האט ממש געשלינגען יעדעס ווארט.

נישטא מעהר צווישען אונז דער שטילער, רוהיגער, באשיידענער לאנג-יעהריגער בונדיסט.

כבוד זיין אנדענקען.

וואלף פייגענבוים.

איך, און גאנדי!..

(סוף פון זייט 3)

צו טהון אין סיים, און דער עיקר, אז מען וועט נישט דארפען עסען, וועט דער „זאדעק" ווערען אויס אקטועל — דאס אלץ וועט זיין, אז מען וועט זיך אפגעוואוינען פון עסען.

הכלל איך האב בעשלאסען נאכצוטהון גאנדי'ס ביישפיל. איך גיי מיך אפגעוואוינען פון עסען. די טעג האב איך מיט מיין מאגען געהאט די ערשטע אונטערהאנדלונג.

— ליבער טייערער מאגען — האב איך געזאגט — גאנצע פיפציג יאהר האב איך דיר געגעבען דאס שענסטע און בעסטע. די שמד האב איך דיר נאכגעגעבען. ווי א בן יחיד'ל האב איך דיך געשטאפט און געפראפט. און איצט! איצט, מיין ליבער טייערער מאגען, איז געקומען די צייט, וואס דו מוזט דיך אפגעוואוינען פון דער אכילה. ווארום וויסען זאלסטו מיין טייערער. אז דאס האב איך, דיר אליין אזוי צעפלאשעט די קישקע עסען, זאלסטו וויסען, איז נישט מעהר ווי א געוואוינהייט. איך האב דיך צוגעוואוינט, וועל איך דיך צוריק אפגעוואוינען. **געדענק טייערער** פשיאטשעל מיינער. אז איך טהו דאס נישט צוליב מיר אליין. איך טהו עס פאר דער טובה פון דער מענשהייט. טאמער וועסטו זיך אפגעוואוינען פון עסען, וועט די מענשהייט אויסגעלייזט ווערען פון אלע שלעק און צרות. וועט זיין שלום ושלוה אויף דער וועלט. דעריבער הער מיין עצה: געוואוין דיך אפ פון עסען. און עס וועט קומען די גאולה.

דער מאגען האט אויסגעהערט מיינע רייד. אין אנפאנג האט ער אפילו א בורטשע-געטהון, ווי ער וואלט פראטעסטירט, אבער ער האט זיך באלד בערוהיגט, און איצט גרייט איך מיך אויסצופיהרען מיין פלאן: אפגעוואוינען דעם מאגען פון עסען.

איצט רבותי, ווענדעט עס זיך אן אייך. אויב איהר זענט מיט מיר מסכים איז די וועלט געראטעוועט. וועלען מיר בעפרייט ווערען פון אלע שלעק און צרות. געדענקט, רבותי, אז עסען איז נישט מעהר ווי א געוואוינהייט. מען קאן לעבען און נישט עסען. א סימן האט איהר דאך — גאנדי!

איך אפעליר צו אייך:

רבותי, געוואוינט אייך אפ פון עסען!...

פאסט-נאטשעלניק פעראורטיילט אויף א יאהר תפיסה.

אלס פאסט-נאטשעלניק פון דרילדזש איז בעשטימט געווארען דער לאנג-יעהריגער פאסט-בעאמטער פראנצישעק ליטשקא. ליטשקא האט זיך נישט בעגניגענט מיט זיין פענסיע און האט אנגעהויבען קאמבינירען, וואו עס האט זיך געלאזט. א בריעף-טרעגער האט איהם געברענגט 10 גילדען, וועלכע עס האט דורך א צופאל אריינגעלאזט אין פאטט-קעסטעל א דארפסמאן, האט ער עס צוגעאייגענט און נישט געוואלט צוריקגעבען דעם אייגענטימער. א צווייט מאהל ווען עס איז געקומען צו איהם אן'אדערער דארפסמאן ער זאל איהם אוועקשיקען אויסטוישען 20 גילדען פון אן'אלטער עמיסיע, האט ליטשקא בלויז אבגעגעבען דעם דארפסמאן 5 גילדען, ערקלערענדיג, אז אזוי פיעל האט מען איהם פון באנק געשיקט.

ליטשקא האט אויך נישט שלעכט פערדינט ביי רוימען דעם פאסט-אמט. ער האט די דינסטען בעצאהלט ווייניג און אויפגעגעבען גרעסערע רעכנונגען פערדינענדיג אויף דעם אופן 110 זל. ער האט אויך ארויסגענומען פערשידענע געלדער פון דער פאסט-פושקע. דאס געלד איז געזאמעלט געווארען דורך פערשידענע מענשען.

דער נאטשעלניק ליטשקא האט זיך בענוצט מיט עלעקטרישען ליכט אין זיין וואהנונג אויפן חשבון פון דעם פאסט-אמט, הגם ער האט דערצו קיין רעכט נישט געהאט. ער האט אויך פערקויפט דעם ליטשניק פון דער פאסט און צוגענומען 15 זל. ער האט אויך די קוילען פאר דער פאסט געהייסען ברענגען צו זיך אין וואהנונג.

נאטשעלניק ליטשקא איז געשטעלט געווארען פארן ראדאמער קרייז-געריכט.

עס זענען צום פראצעס ארויסגערופן געווארען איבער צוואנציג עדות, וועלכע האבען אים שטארק בעשולדיקט.

פראנצישעק ליטשקא איז פעראורטיילט געווארען אויף 1 יאהר תפיסה, און אויף פערלירען די בירגערליכע רעכט אויף 5 יאהר.

אר.

דער נייער קאמיטעט פון דער פרויען-געזעלשאפט „וויזא"

אין נייעם קאמיטעט פון פרויען-פעראיין „וויזא" זענען געוועהלט געווארען פאלגענדע פרויען:

דאקטאראווא לעווין (פרעזעסין) ד"ר מאשקאווסקא, דירעקטאראווא הורוויטש, לאנדאו, מאניעלא, ווייסבארד, ראזענבערג, ה. גאטליעב, קויפמאן, וויינבערג, גרין, מארגאלעס, לאקס, קאדענטשיק און פריילינס: ב. האניגמאן, ראזענשיין.

אלס סעקרעטארין איז געוועהלט געווארען פרל. האנקא וויינגארט.

אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע זענען געוועהלט געווארען די פרויען: פ. לעסלאו, פורמאן און ה. האניגמאן.

בילדער-אויסשטעלונג פון רפאל מאנדעלצוויג.

היינטיגען שבת קומט פאר אין די זאהלען פון אינטעליגענטן-קלוב די דערעפענונג פון דער אינטערעסאנטער בילדער-אויסשטעלונג פונם יונגען קונסטמאלער, רפאל מאנדעלצוויג.

אויף דער אויסשטעלונג וועלען זיך געפונען אייל-בילדער, אקווארעלן, גראפישע צייכנונגען און מיניאטורען, וואס א טייל פון זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף פערשידענע אויסשטעלונגען און סאלאנען, ווי: „זאכענטא", „יפס" און אנדערע.

די ראדאמער קונסט-ליבהאבער וועלען זיכער אויסנוצן די דאזיגע געלעגענהייט

דאס פפלעגען די נאטור.

ס'איז אונז אנגענעהם מודיע צו זיין די לעזער, אז די געלעהרטע דעלעגאטען פון אוניווערזיט דע בעאוטע „צעדיפ" אין פאריז, פרל. אלימפיא ראסקאשינא וועט נאך איהר צוריק-רייזע פון פאריז, זיך פערהאלטען אין ראדאם דעם 24 ה. מ. (פרייטאג) וואו זי וועט אין האטעל זשימסקי ערטיילען אומזיסטע קאסמעטישע עצות, דעם 25 ה. מ. (שבת) וועט זי קומען קיין קעלץ, וואו זי וועט אין האטעל בריסטאל ערטיילען אומזיסטע קאסמעטישע עצות. אומזיסטע איינלאדונגען גיבען גערן ארויס אלע גרעסערע פערפומעריעס און דראגעריעס.

מיט שוועבעל-זויער בעגאסטען איהר קאנקורענטין.

ס'איז איינע פון די אלטע געשיכטעס: ליבע, אייפערזיכט און נקמה.

צו-ערשט בעקענט מען זיך, דערנאך פערליבט מען זיך און צום סוף קיהלט מען זיך אב און מ'הויבט ווידער אן פון דאס ניי.

אזוי האט זיך אויך געפיהרט דער ארבייטער פון צווייטען פאסט-אמט, מיקאלאי שלוסארסקי. ער האט זיך בעקענט מיט א געוויסע זאפיא יאווארסקא, זיך פערליבט און צוגעזאגט מיט איהר חתונה צו האבען. אז ס'איז אוועק א צייט און די יאווארסקא האט זיך געפינען אין א פערענדערטען צושטאנד, איז ער אוועק פון איהר און זיך בעקענט מיט א צווייטע, מיט א לעהרערין פון קינצק, א געוויסע לוצינא קאמינק מיט וועלכער ער איז טאקע א חתן געווארען. דאס האט נישט געקענט פערטראגען די יאווארסקא און זי האט בעשלאסען צו נעמען נקמה אין איהר ריוואלין, וואס האט איהר פערקאנקורירט. זי איז אוועק קיין קינצק, ארויסגענארט די לוצינא ערגיץ אין א טויער און איהר אבגעגאסען מיט שוועבעל-זויער. די אנגעבריהטע לעהרערין האט מען אבגעפיהרט אין אמבולאטאריום און די אנפאלערין איז אנטלאפען. מ'האט איהר אבער געכאפט אויפן וואקזאל, פארן איינשטייגן אין צוג, וואס געהט אב קיין ראדאם און ארעסטירט.

פאר איהר נקמה-נעמען איז יאווארסקא פער'משפט געווארען דורכן ראדאמער קרייז-געריכט אויף 4 יאהר.

אין נאמען - טאג פון פוילענס גרויסע מלוכה-מענער

שבת איז געווען דער נאמען-טאג פון פוילישען מארשאל שמיגלי רידז און זונטאג דער נאמען-טאג פון ערשטען פוילישען מארשאל פילסודסקי. אין ביידע טעג זענען לכבוד די צוויי גרויסע מלוכה-מענער איינגעאָרדענט געווארען אימפּאזאנטע פייערונגען.

אין שוהל זענען אָבגעריכט געווארען גאָטעס-דינסטען מיט דער בעטייליגונג פון רב קעסטענבערג און חזן ראַנטאל מיט'ן כאָר.

זונטאג בעת דער פייערליכער אזכרה פון מארשאל פילסודסקי אין שוהל האט אויך געהאלטען א רעדע פאר די יודישע זעלנער, ה' לעאן שפערבער.

דערגענצונג

אין אונזער גרעסערען בעריכט וועגען דעם נייעם פּראוויזאריום, העבען מיר פערפעהלט צו צוגעבען, אַז טראָץ דער דער נאָמינאציע פון ה' זילבערבערג אלס פרעזעס, וועלען די אַקטען פון די לעצטע אָבשטימונגען פון דער נייער גמינע-פערוואַלטונג אויף די ה"ה שטייּנאָוויטש און האכגלאָבער אַלס פרעזעס און וויצע — ווייטער געהן זייער נאָר-מאלען, אמטליכען וועג און בעטראַכט ווערען פון די געהעריגע מאַכט-אינסטאנצען.

ווילט איר האָבן סאָלידע אַרבייט
ווילט איר האַבן הערליכע דרוק
מיט די נייעסטע מאָדערנע שריפטען
צו ביליגע פרייזען

100 וויזיט קאַרטען 1 זל.

בעשטעלט נור אין **דרוקעריי**
פון **ד. שיינבוים**
ראדאָם, זשעראמסקי 21

געדענקט דעם אדרעס:
פריהער זשעראָמסקי 9
הייַנט **זשעראָמסקי 21**
ביליגסטע קוואַליטעט
פון דרוק - אַרבייט

KINO APOLLO

גרויסער פריהמארגען פּראגראַם
שבת 1 3, און זונטאג 1³⁰ 12
פוילישער פילם
O CZYM SIĘ NIE MÓWI...

Od Poniedziałku
פערדאָפּעלטער פּראָגראַם !
פראַנצויזישע פּראָדוקציע
1. JASTRZĄB
2. Król się bawi

ביז זונטאג איינשליסליך
גרויסער פערדאָפּעלטער פּראָגראַם
עמאָציע, הומאָר, סענסאַציע אין פילם
1. Prawo Profesora Lindsay'a
אין די הויפּט-ראָל
עדוואַרד ג. ראָבינסאָן
2. HOTEL w TYROLU
אין די הויפּט - ראָל
ראָבערט יונג, פ. ריצי, פראַנק מארגאַן

KINO APOLLO

ZAWIADOMIENIE

Podajemy do łask. wiadomości Pań, że Delegatka nasza,
p. Olimpia Roskoszyna
udzielać będzie dnia *24* bm., w *piątek, bezpłatnych porad kosmetycznych w Radomiu,* w *Hotelu Rzymskim,* zaś dnia *25* bm, w *sobotę* — w *Kielcach,* w *Hotelu »Bristol»*.

Zaproszenia na bezpłatne porady otrzymać można we wszystkich pierwszorzędnych perfumeriach i drogeriach.

U w a g a: we własnym interesie prosimy o wcześniejsze rezerwowanie godzin.

Université de Beauté CÈDIB **Paris**
39, Av. des Champs Elysées, 39.

Dobra gospodyni kupuje żarówki PHILIPSA tylko w firmie Felzenszwalber Wałowa 2

Cukiernia Turecka
wł. K. AŁTASZ
Radom, Żeromskiego 9
Oddziały:
Traugutta 3 i Słowackiego 16
poleca:
smaczne pieczywo, wyśmienite ciastka
i specjały tureckie po cenach niskich
Przyjdź i przekonaj się!!!

בעקאַנטע פארבעריי און כעמישע פּראלניע
„TĘCZA"
Leokadia Zuchner
Radom, Żeromskiego 9 (w podwórzu)
נעמט אָן כעמיש צו וואשען: מענער, דאמען און קינדער-קליידונג, גאַרני-טורען, ווי אויך דיוואַנעס, טישטיכער, גאָבעלינען, גאַרדינען, אָבאזשורען, אַלץ קומט אַרויס ציכטיג, זויבער און פריש אַזוי ווי ניי.
צו ביליגע פרייזען צו ביליגע פרייזען
קאָלנער ווי ניי צו 15 גר.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie Elektrycznym Sp.Akc. w Radomiu ul. Traugutta 53

אבטיילונג פאַר אָסטראָוויעץ, אַפּאַטאָוו, וויערזשבניק און אומגעגענד

פּראָצעס פון א פּאָליאַק פון משה'ס גלויבן.

ווייזט אויס אז ס'איז בעשעהרט געוועזען די שטענדיגע געריכט'ס געסט, אז דער פאריגער פרייטאג אין 17-טען ד. י. זאל זיי געבען א אינטערסאנטען פראצעס.

צוליב דעם וואס דער פּראצעס צייזעל — קהלה (האט אויך געזאלט פארקומען אין זעלבען טאג) איז פערגלייכט געווארען האבען זיי זייער דארשט געשטילט ביים צווייטען כמו קהלה פראצעס צווישען פרנס טשערניקאווסקי און יונגערען פעפער — אינהאבער פון א קאלעקטור אויף די אלטיא.

מעהר ווייניגער איז דער פערלויף פון פראצעס פאלגענדער:

צוליב'ן עטאט איז די פאמיליע פעפער שטארק גערייצט אויף דער קה"ה. עס איז שוין א פאמיליען טראדיציע צו זיין אנגרייפעריש נעגען דער קהלה.

מיט 2 מאנאטען צוריק איז דער דערמאהנטער יונגער פעפער געפאהרען פון צוג מיט א דראזשקע אין שטאדט אריין. דער דראזשקע-אינהאבער האט אויך געוואלט אויפנעמען אויף זיין דראושקע דעם פרנס טשערניקאווסקי, וועלכער איז אויך געקומען צו פאהרען מיט'ן דערמאהנטען צוג.

דא הויבט זיך אן: דער יונגער פעפער האט אויף א שטארקען אופן פראטעסטירט געגען דעם ארויפנעמען איהם אויף די דראזשקע, אויף וועלכער ער פאהרט, און דא האט ער איבער'ן גאנצען וועג אין שטאדט אריין פאר זיין קריסטליכען בייזיצענדען דראזשקע-שכן, מאטיווירט און בּאגרינדעט זיין ווידערווילען צום ה' טשערניקאווסקי.

צופעליג איז דער קריסט געוועזען דעם ה' טשערניקאווסקי'ס א בּאקאנטער, און האט דעם גאנצען ביקעט זידלערייען, געווארפען דורך דעם יונגען פעפער, איהם איבערגעגעבען.

דער ה' טשערניקאווסקי, פיהלענדיג זיך בעליידיגט, האט דעם יונגען פעפער איינגעקלאגט אין געריכט פאר בעליידיגונג.

אויפ'ן פראצעס האט דער יונגער פעפער דערצעהלט אין געריכט, אז ער (און זיין פאטער'ס הויז) איז דער איינציגער לאיאלער בירגער, און שטענדיג פערטיידיגט ער דאס פוילישקייט און דעריבער ווערט ער אזוי דורך די קהלה גע'רודפ'ט.

אלס בעסטער בעוויז קען דינען, דאס ביים פשיטיקער פראצעס האט ער געהאלטען אפען זיין קאלעקטורע און זיך נישט געוואלט סאלידאריזירען מיט די יודישע בעפעלקערונג, וועלכע האט דאן געשלאסען אויף 2 שעה די געשעפטען.

פון דאן אן יאגט די קהלה זייער גאנץ הויז וועלכע בעשטעהט פון לאיאלע בירגער יודען, פון משה ס גלויבען.

ער וויל ברענגען נאך לאיאליטעט'ס-פאקטען ענליכע צו מעשה פשיטיק, וועלכע זאלען קלאר בעווייזען זיינע פאטריאטישע געפיהלען, נאר דאס געריכט רייכט איהם איבער, אז שוין גענוג פאקטען.

ס'איז נאך ווערט צו דערמאהנען די בעמערקונג פון אדוו. מאיעווסקי – מצד דעם ה. טשערניקאווסקי – וועלכער פרעגט פּפּ,ר : צו נעמט זיך נישט אייער אזוי שטארקער פאטריאטישקייט צו דער מלוכה צוליב דער דערהאלטענער פון דער מלוכה קאלעקטור?

די פראגע לאזט דער יונגער פעפער אהן ענטפער.

דער אורטייל: 50 זל. שטראף פלוס די קאסטען.

פערענדיגט דער קאנפליקט קהלה — צייזעל

דער קאנפליקט צווישן די קהלה און אדוו. צייזעל, וועלכער האט דא געהאט א שטארקען אבקלאנג און איז אויך געוועזען א אביעקט פאר געגענזייטיגער געריכט'ס-אנקלאגעס, איז די וואך ענדליך פערענדיגט געווארען דורך א גוטוויליגען אויסגלייך צווישען ביידע צדדים.

די „אוגאדע" איז דורכגעפיהרט געווארען דורכ'ן אדוו. איגנאטאווסקי — מצד דער קהלה — און אדוו. צייזעל פון זיך זעלבסט —

אזוי ארום איז פערענדיגט געווארען דער טומלדיגער ענין בכי טוב.

ווייזט אויס אז די קעמפענדע גזמיפער האבען גערעכט געגעבען אונזערע בעמערקונגען, וועלכע זענען — וועגען דעם פיינליכען ענין — ארויסגעזאגט געווארען אויפ'ן זעלבען ארט, אז ס'איז איצט נישט קיין צייט צו ערלעדיגען צווישען-יודישע עהרען-קאנפליקטען.

זאל דאס דינען פאר א פרעצעדענס פאר פערשידענע אויפגעבלאזענע פערזאנען נישט צו זוכען קיין עפעקטפול — בּיליגע רעקלאמעס און נאכהער צו האבען צו טהוען מיט'ן עהרען-קאדעקס. זאל דאס זיין דער פערדיגסט פון קה"ה — צייזעל-פראצעס.

רעקלאַמירט אייך אין פּנקס - נומער!

Kino ADRIA Do niedzieli dnia 26 marca włączn.
„Trzy serca" wg. znanej powieści T. Dołęgi Mostowicza
W rol gł. **Barszczewska, Pichelski, Żabczynski i in.**
Nad program: DODATKI

Od poniedziałku dnia 20 marca r b. **Piękny podwójny program:**
Wstrząsający dramat p. t. „Białe sztandary"
Sensacyjny film p. t. Tajemniczy przeciwnik

Kino ADRIA
שבת דעם 25
זונטאָג דעם 26
פריהמארגען - פילמען
א. נ.
„Powrót o świcie"
W rol. gł. **Danielle Darieux**

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr.
w tekscie mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.
1-szai ostatnia strona liczą 10 szpalt

אַבאָנאָמענטס פּרייז:
פאר 8 חודש אין פוילען זלאָט
אין פראַנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק
אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

Redaktor CH. M. HERC
tel. 15-18 .טעל
Wydawnictwo „Rademer Kielcer Leben" Szwarlikowska 20